NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13075

MAYSELEKH

Mikhail Evgrafovich Saltykov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

מ. יע. סאלטיקאָוו־שטשעדרינ

מײַסעלעכ

יידיש—א. וועלעדניצקי

מעלוכע־פארלאַג פאר די נאַציאָנאלע מינדערהײַטנ אינ אוסר״ר
קיִעוו — 1936

פאראנטװארטלעכער רעדאקטאר — ל. מ י ש ק א װ־
ס ק י. טעכנישער רעדאקטאר — כ. ז א ר ע צ ק י.
קארעקטאר — ע. ס א ס י א נ. פאפיר 110×72 —
1/16 — 50 קג. אינ 1 פאפיר־בויגנ 90 000 צייכנס.
5 3/4 דרוק־בויגנ. פארלאג־נומ. 125־Є. טיראזש
2350 עקז. 9־טע רעפובליק. פאליגראפ. פאבריק
אופקפ״ט. קיעװ, רויטער פלאצ 2a. באשט. 738.
באפולמעכטיקטער פונ הויפטליט № 3460. אפ־
געגעבנ אינ זאצ 22/VIII—1936, אונטערגעשריבנ
צומ דרוק 29/IX — 1936.



פ ע ר ד ו ל י ע

פערדוליע ליגט אפנ וועג, פארזונקענ אינ א שווערנ דרעמל. דער פויער האָט אימ נאָרוואָס אויסגעשפּאנט און געלאָזנ זיכ פאשענ. אָבער פערדוליענ קריכט ניט אינ קאָפּ דאָס עסנ. זייער א שווערנ שטיינערדיקנ פאס ערד איז אימ אויסגעקומענ נאָרוואָס אינאיינעמ מיטנ פויער צו צעאקערנ.

פערדוליע איז א גאנצ געוויינלעכע פויערשע סקאָטינקע. א פארמא־טערטע, א צענעריקטע, מיט א שמאָלער ברוסט, מיט סטארטשענדיקע ריפּנ, מיט אָפּגעברענטע פלייצעס און צעמאזיקטע פיס. דעמ קאָפּ האלט ער אראָפּגעלאָזט, די גריווע זײַנע אפנ האלדז — אינ קאָלטענעס; פונ די נאָזלעכער און פונ די אויגנ רינט; און די אויבערשטע ליפּ הענגט

אַראָפּ, ווי א לאַטקע. קיינ סאַכ אַרבעט קענ אַזאַ מינ באַשעפעניש ניט אויפטונ. דאָכ אָבער — אַרבעטנ מוז מענ. גאַנצע טעג קריכט פערדוליע פונ שפּאַנ ניט אַרויס.

פערדוליע האָט ניט פונוואַנעט אָנצונעמענ זיכ מיט קויכעס: די שפּײַז, וואָס ער באַקומט, — זי קלעקט אימ נאָר אָפּ צו ליאַטקענ מיט די ציינ.

פערדוליע האָט א ביטער לעבנ. א שטיקל גליק כאָטש, וואָס ער איז אַרײַנגעפאַלנ צו א גוטנ פויער אינ די הענט, וואָס קאַליעטשעט אימ ניט אומזיסט. אַרויסגעפאָרנ מיטנ אַקער אינ פעלד אַרײַנ, דערהערט פערדוליע דעמ באַקאַנטנ אויסגעשריי: „אַנו, טײַערינקער, לייג נאָר צו קויעכ!“ ער פאַרשטייט שוינ, וואָס מע מיינט. ער ציט זיכ אויס מיט זײַנ גאַנצנ נעבעכדיקנ גופ, שפּאַרט זיכ אָנ אָפּ די פעדערשטע פיס און מיט די הינטערשטע הייבט ער אָנ צו שלעפּנ, צובויגנדיק די מאָרדע צו דער ברוסט: „אַנו, קאַטערזשניק, שלעפּ אַרויס!“ און פונ הינטנ שפּאַרט דער פויער אַליינ דעמ אַקער, מיט די הענט, ווי מיט צוואַנגענ, אײַנעמ אַקער אײַנגעקלאָמערט, מיט די פיס אינ די ערד־הרודעס פאַרזונקענ, קוקט ער נאָכ, אַז דער אַקער זאָל כאָלילע ערגעצ ניט א פאַלשעווע טונ, ערגעצ ניט מאַכנ קיינ בלויז. דורכגעגאַנגענ א פאַס פונ עק ביז עק, ציטערנ זיי ביידע: אָט, געקומענ דער טויט: ביידע האַלטנ זיי באַמ קלאַפּירנ — דאָס פערדל און דער פויער; אַזוי יעדנ טאָג האַלטנ זיי ביידע א רעגע פאַרנ טויט.

פערדוליע, — ער ליגט דאָרט אָפּ דער סאַמע זונ־באַקעניש ס'איז קיינ בוימל אַרומ און אַרומ ניטאָ, און די לופט איז אַזוי אָנגעגליט, אַז ס'פאַרשלאָגט דעמ אָטעמ אַזש. פונ צײַט צו צײַט טראָגט זיכ דורכ א וויכערשטויב איבערנ פעלד. דער ווינט, וואָס הייבט אופ דעמ שטויב, ברענגט אָבער ניט קיינ אָפּפרישונג, נאָר נײַע שטראָמענ גליִענדיקע היצ. בינענ און פליונ דרייענ זיכ אַרומ פערדוליענ מעשוגענערווײַז, פאַרקריכנ אימ אינ די זוירנ, אינ די נאָזלעכער, זויגנ זיכ אימ אײַנ אינ די פאַרווונדעטע ערטער. און ער — פונ די ביסנ גיט ער בלויז אויטאָמאַטיש א פאָכע מיט די זוירנ — מער גאָר. ס'איז שווער צו וויסנ — צי דרעמלט ער אַזוי פערדוליע, צי ער גייט אויס.

דאָס פעלד איז אָנ א ברעג. וווּהינ דו זאָלסט ניט גיינ — איז פעלד און פעלד. פערדוליע האָט מיטנ אַקער עס אויסגעמאָסטנ אינ דער לענג און אינ דער ברייט. און ס'איז אַלצ קיינ סאָפ און קיינ ברעג ניט צו זענ.

א הוילס, א בליענדיקס צי א פארגליווערטס אונטערנ שניי־צודעק — אלעמאָל ליגט עס הערשעריש צעשפרייט אינ דער ברייט און אינ דער טיפ. אונ ניט צומ קאמפ רופט עס ארויס, נאָר עס נעמט גלײַכ אונ פאר־שקלאפט.

פאר אלעמענ איז דאָס פעלד — ראכוועס, פּאָעזיע, פארגעניגנ; פאר פערדוליענ איז דאָס פעלד — א קאטערגע. דאָס פעלד ווארגט אימ, נעמט בא אימ אָפּ די לעצטע קויכעס אונ איז אלצ נאָכ ניט אָנגעזעטיקט. פונ באגינ ביז באנאכט שלעפט ער זיכ, פערדוליע, פאָרויס, פאר אימ ציט זיכ אונ וויגט זיכ א שווארצער פלעק אונ שלעפט אימ נאָכ זיכ. אויכ איצט וויגט זיכ אימ פאר די אויגנ דער פלעק. אויכ איצט הערט ער דורכנ שלאָפ דעמ אויסגעשריי: „אנו, טײַערינקער! אנו, קאטערזשניק! אנו!“

קיינמאָל וועט ער זיכ ניט פארלעשנ, אָט דער פײַערדיקער קײַלעכ, וואָס פונ פרי ביז נאכט גיסט ער אָפּ פערדוליענ מיט א טײַכ הייסע זורדיקע שטראלנ! קיינמאָל וועלנ ניט אופהערנ די רעגנס, די געוויטערס, די זאַווערוכעס, דער פראָסט... פאר אלעמענ איז די נאטור — א מוטער, נאָר פאר אימ איינעמ — א פלאָג אונ א מאטערניש. פאר פערדוליענ איז איטלעכער לעבנס־ריר פונ דער נאַטור — א מאטערניש אונ יעטווידע בליִונג אירע — א סאמ. ס'איז ניטאָ פאר אימ, פאר פערדוליענ ניט קיינ גוטע רייכעס, ניט קיינ קלאנגענ־הארמאָניע, ניט קיינ שיינע פארבנ; ער ווייסט פונ קיינ שומ געפיל ניט, אויסער די געפילנ פונ ווייטעק, פונ מידקײַט אונ פונ אומגליק. מעג די זונ אָנטרינקענ די גאנצע נאטור מיט וואַרעמקײַט אונ מיט ליכט, מעגנ די שטראלנ אירע ארויסרופנ לעבנ אונ פרייד — דער אָרעמער פערדוליע ווייסט איינס: צו די אָנצאָליקע פארגיפטונגענ, מיט וועלכע זײַנ לעבנ איז איבערגעפלאָכטנ, קומט פונ דעמ צו נאָכ א פארגיפטונג.

ניטאָ קיינ סאָפ צו דער ארבעט! ארבעט — אָט דאָס איז דער גאנצער זינ פונ זײַנ לעבנ.

צו איינ ציל זײַנענ געווענדעט די באדינגונגענ, אינ וועלכע ער לעבט עס זאָל ניט אטראָפירט ווערנ די מוסקול־קראפט זײַנע — אָט דער קוואל, וואָס איז פייִק צו טונ פיזישע ארבעט. סײַ שפײַז, סײַ אָפּרו ווערט אימ אויסגעטיילט פונקט אזויפיל, ער זאָל קאָנענ, ער זאָל אימשטאנד זײַנ אויסצופילנ זײַנ פארגעבונג. אונ ווײַטער — מעג דאָס פעלד, מעג די סטי־

ביע אימ צעקאליטשעט — קיינעמ גייט ניט אָנ צו וויסנ, וויפל בייע וווּנדנ האָט ער באַקומענ אפ די פיס, אפנ פּלייצע אונ אפנ רוקנ. ניט זיינ וויל־שטאנד דארפ מענ — מע דארפ דאָס לעבנ זיינס, וואָס איז בעקויעכ אי־בערטראָגנ דעמ יאָכ פונ ארבעט. ער ווייסט ניט, וויפל דוירעס ס'איז שוינ פאראנ, אז ער טראָגט אָט דעמ יאָכ אונ וויפל דוירעס עס שטייט אימ נאָכ פאָר פאָרויס אָט דעמ יאָכ צו טראָגנ. ער לעבט ווי פארזונקענ אינ א פינצטערנ אָפּגרונט. אונ פונ אלע געפילנ, וואָס זיינענ פאראנ אינ א לעבעדיקנ קערפער, איז אימ באַוווּסט נאָר איינס — א נאָגנדיקער ווייטעק, וועלכנ עס פארשאפט די ארבעט.

פערדוליע דרעמלט, אונ פארביי אימ גייענ דורכ האָצלקעס. פונ ערשטנ קוק וועט קיינעמ ניט אײַנפאלנ, אז פערדוליע אונ האָצלקע זיינענ קינ־דער פונ איינ טאטנ. דאָכ קענ מענ אינ געוויסע ערטער אדייעמ נאָכ הערנ די געשיכטע פונ דער קרויוועשאפט זייערער.

געלעבט האָט אינ אמאָליקע צייטנ אנ אלטער פערד. דער פערד האָט געהאט צוויי זינ: פערדוליע אונ האָצלקע. האָצלקע איז געווענ א זונ א העפלעכער, א פילבארער, אונ פערדוליע איז געווענ א מעגושעמדיקער, אָנ געפילנ. א לאנגע צייט האָט דער אלטער געדולדעט פערדוליעס מע־גושעמדיקייט, א לאנגע צייט האָט ער ביידע זינ גלייכ דערצויגנ, ווי עס פאסט פאר א געטרייענ פאָטער, ביז, ענדלעכ, איינמאָל איז ער אינ קאס געוואָרנ אונ זיכ אָנגערופנ: אָט האָט איר אייכ מיינ פאָטערלעכנ פארזאָג אפ אייער גאנצנ לעבנ: „פערדוליענ — שטרוי אונ האָצלקענ — האָבער". אונ אזוי איז עס טאקע פונ דעמלט אָנ געבליבנ. האָצלקענ האָט מענ אווּעקגעשטעלט אינ א ווארעמער פערד־שטאל, אונטערגעבעט ווייכינקע שטרוי, א זיסנ האָניק־געטראנק געמאכט אונ אָנגעשאָטנ אימ א פולנ זשאָ־לעב מיט הירזש, אונ פערדוליענ האָט מענ ארײַנגעשטופט אינ א כאזער־שטאל, אימ צוגעוואָרפנ א הויפנ פוילע שטרוי: נא דיר, פערדוליע, קיי מיט די ציינ! אונ א טרונק — אָט דאָרטנ אינ קאליזשע.

האָצלקע האָט שוינ גאָר געהאט פארגעסנ, אז ער האָט ערגעצ א ברו־דער אפ דער וועלט. נאָר פלוצעמ איז אימ עפּעס אומעטיק געוואָרנ אפנ הארצנ אונ ער האָט זיכ דערמאנט. „ס'האָט מיר דערעסנ, — מאכט ער, — דאָס לעבנ אינ דער ווארעמער שטאל, דער האָניק־געטראנק איז מיר שוינ נימעס, אונ די לויטערע הירזש קריכט מיר שוינ פונעמ האלדז; לאָמיר אָקאָרשט גיינ א קוק טאָנ, וויאזוי לעבט זיכ דאָרט דעמ ברודער!"

ערשט ער זעט — זײַן ברודער איז גאָר עפּעס אַן אומשטערבלעכער! מע מאַזיקט אים, מיט וואָס ס'קומט נאָר אין די הענט אַרײַן, און ער לעבט. מע האָדעוועט אים מיט שטרוי, און ער לעבט! און אין וואָסער זײַט פון פעלד זאָלסט ניט אַ קוק טון — איז האַוועט ער דאָרטן, דער ברודער; אָט האָסטו אים נאָרוואָס דאָ געזען, און אין אַ רעגע אַרום — ער איז שוין העט־העט ווײַט, און ער אַרבעט שוין דאָרטן מיט די פיס. קאָנטיק, אַז ער האָט אין זיך אַ טוגנט אַזאַ, וואָס אַדאַנק איר איז דער שטעקן, וואָס שלאָגט אים, ווערט אַליין צעבראָכן, און אים קען מען ניט אײַנברעכן!

איז אָט האָבן די האָצלקעס זיך גענומען דרייען אַרום פערדוליען.

איינער רופט זיך אָן:

— אָט דערפאַר קאָן מען אים בעשומויפן ניט בײַקומען, ווײַל פון שטענדיקער אַרבעט האָט זיך בא אים אָנגעקליבן אַסאַך געזונטער פאַרשטאַנד. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז העכער פון זיך קאָן מען ניט אַריבערשפּרינגען, אַז די בולעווע וועט שטענדיק בײַקומען די רוט. לעבט ער זיך אַזוי אַף אַ פרידלעכן אופן, פאַרפלאָנטערט אין שפּריכווערטער, פונקט ווי אין גאַניידן. געזונט זאָלסטו מיר זײַן, פערדוליע! טו זיך ווײַטער דאָס דײַניקע און דרעמל ניט.

אַ צווייטער דערווידערט:

— אָ, גאָרניט מאַכמעס געזונטן פאַרשטאַנד האָט זיך בא אים אַזאַ פעסט און זיכער לעבן געשאַפן! ניט איבער דעם איז פערדוליע אַזוי אײַזן־פעסט, נאָר איבער דעם, ווײַל ער טראָגט אין זיך דאָס לעבן פון גײַסט, און דעם גײַסט פון לעבן! און קאָלזמאַן ער וועט אין זיך אָט די צווי אויצרעס פאַרמאָגן — וועט אים קיין שום שטעקן אין דער וועלט ניט אײַנברעכן!

אַ דריטער זאָגט:

— ווייס איך, וואָס איר בעבעט דאָרטן! לעבן פון גײַסט, גײַסט פון לעבן — ס'איז גלאַט גערעדט ווערטער אָן שום אינהאַלט! ניט דאָס איז די סיבע, פאַרוואָס צו פערדוליען שטייט גאָרניט ניט צו. די סיבע איז, וואָס ער האָט געפונען פאַר זיך אָט דאָס, וואָס הייסט „ווירקלעכע מי“, און אָט די מי גיט אים דעם מאָראַלישן גלײַכגעוויכט און שאַפט בא אים אָט די שטאַנדהאַפטיקײַט, וואָס אַפילע דוירעס קנעכטשאַפט האָבן זי ניט געקענט ברעכן! איז שטרענג זיך טאַקע אָן, פערדוליע, האָרעווע! נעמ

זיכ אָנ מיט קויכעס! אונ שעפּ אײַנ דער מי אָט די לויטערקײַט פונ הארצנ, וואָס מיר, די האָצלקעס, האָבנ זי שוינ אָנגעוואָרנ אפ אײביק.

אונ א פערטער (גלײַכ, מיסטאמע, פונעמ שענקערס פערד־שטאל אראָפגעקומענ) גיט צו:

— אכ, הערנ מײַנע טײַערע, אלע טרעפט איר, ווי א בלינדער אינ גרוב ארײַנ. ניט דערפאר גאָר, ווײַל ס'ליגט אינ אימ עפּעס אזא קראפט, קאָנ מענ אימ, פערדוליענ, ניט בײַקומענ, נאָר דערפאר, ווײַל ער האָט זיכ פונ שטענדיק אָנ אזוי צו זײַנ ראָליע צוגעוווינט. אונ איצט כאָטש האק אימ אונ בראָק אימ, וועסטו אימ ניט אײַנברעכנ. אָט ליגט ער אונ האָט שוינ, דאכט זיכ, קײנ קאפ קויעכ ניט — אנו, טו אימ נאָר א מונטער אופ אזוי רעכט מיט דער בײַטש, וועסטו זענ, ווי ער לאָזט זיכ ווידער אוועק ארבעטנ מיט די פיס. איטלעכער טוט יענע ארבעט, אפ וועלכער ער איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ. רעכנט נאָר אויס, וויפל זײַנענ עס צע־זײט אונ צעשפרײט אזוינע קאָליקעס איבערנ פעלד — אונ אלע זײַנענ זײ פונקט ווי אײנער. מאזיקט זײ כאָטש וויפל איר ווילט — זײ וועלנ אפ קײנ האָר ניט ווערנ ווײניקער. אָט איז ער ניטאָ, אונ אָט וואקסט ער ווידער אויס, ווי פונ אונטער דער ערד.

אזוי ווי די אלע שמועסנ האָבנ זיכ גענומענ ניט פונ זאכלעכקײַט, נאָר פונ לאנגווײַל אונ פונ ניט האָבנ וואָס צו טאָנ, פלעגנ די האָצלקעס אזוי לאנג שמועסנ — ביז זײ פלעגנ אָנהײבנ זיכ צו אמפערנ. צום גליק אָבער כאפט זיכ פונקט דעמלט אונטער דער פויער אונ דערלײדיקט אלע קריגערײַענ זײערע מיט די ווערטער:

— וויאָ, קאטערזשניק, ריר זיכ!

דאָ, זעט איר, ווערט בא אלע האָצלקעס מיטאמאָל פונ אנטציקונג פארכאפט דער אָטעמ.

— זעט נאָר, זעט נאָר — האָבנ זײ אויסגעשריגנ — זעט נאָר, ווי ער ציט זיכ אויס, ווי ער שפארט זיכ דאָס אײַנ מיט די פעדערשטע פיס אונ מיט די הינטערשטע נעמט ער שלעפנ! אָט דאָס הײסט טאקע קונסט! האָרעפּוע־זשע, ווי געהעריק, פערדוליע! אָט בא וועמענ מע דארפ זיכ לער־נענ! אָט וועמענ מע דארפ נאָכטונ! וויאָ, קאטערזשניק, וויאָ!

א מעשׂה, ווי אַזוי איין פּויער האָט צוויי גענעראַלן געהאָדעוועט.

אַמאָל זײַנען געווען צוויי גענעראַלן, און ווײַל בײדע זײַנען זיי געווען לײַכטזיניקע פֿאַרשווינען, האָט עס זיי אײַנגיכן, לויט עמעצנס א גליקלעכן געדאַנק און לויט מײַנעם א פֿאַרלאַנג, פֿאַרטראָגן אַפּ א וויסטן אינדזל.

די גענעראלן האָבן דאָס גאנצע לעבן פארבראכט ערגעץ אין א רע־גיסטראטור. דאָרט זײַנען זיי געבוירן געוואָרן, דאָרט האָבן זיי זיך אויפֿגעהאָדעוועט און זיך געעלטערט, און זײַנען דעריבער געווען מענטשן, וואָס פארשטייען גאָרניט.

די רעגיסטראטור האָט מען אָפּגעשאפט, ווײַל זי איז איבעריק געווען, און די גענעראלן זײַנען געוואָרן פרײַע מענטשן. געבליבן אויסערן שטאט, האָבן זיי זיך באזעצט אין פעטערבורג אף דער פּאָדיאטשעסקע גאס, יעדערער אין א באזונדער ווױנונג. יעדערער פון זיי האָט זיך גע־האט זײַן אייגענע קעכנע און באקומען פענסיע. נאָר פלוצעם גאָר האָט עס זיי פארטראָגן אף א וויסטן אינדזל. זיי האָבן זיך אופגעכאַפּט און דערזען: ביידע ליגן זיי אונטער איין קאָלדרע. טכילעס האָבן זיי, נא־טירלעך, גאָרניט אײַנגעזען און האָבן גענומען צווישן זיך שמועסן, ווי ס'וואָלט גאָרניט געטראָפן.

— א מאָדנער כאָלעם, אײַער עקסעלענץ, האָט זיך מיר הײַנטיק נאכט געכאָלעמט, — האָט געזאָגט איין גענעראל: — מיר האָט זיך געכאָלעמט, ווי איך וווין עפּעס אף אן אומבאוווינטן אינדזל...

ארויסגעזאָגט די ווערטער, איז ער מיטאמאָל אופגעשפרונגען. אופגע־שפרונגען איז אויך דער צווייטער גענעראל.

— גאָטעניו! וואָס הייסט עס אזוינס! וווּ זײַנען מיר, — האָבן ביידע ניט מיט זייער שטים אויסגעשריגן.

און זיי האָבן גענומען איינער דעם צווייטן ארומטאפּן, צי איז אָטאָ דער צופאל ווירקלעך מיט זיי פאָרגעקומען אף דער וואָר, צי עפשער איז עס גאָר א כאָלעם. ווי זיי האָבן זיך ניט געפלײַסט אײַנריידן זיך אליין, אז דאָס איז ניט מער ווי א כאָלעם, — איז זיי פאָרט אויסגעקומען צו איבערצײַגן זיך, אז דאָס איז די סאמע טרויעריקע ווירקלעכ־קײַט.

פון איין זײַט, איז פאר זיי געלעגן א יאם אויסגעשפרייט און פון דער צווייטער זײַט — א קליין פּאסיקל ערד און הינטער דעם — ווידער ענדלאָזער יאם. די גענעראלן האָבן זיך צעוויינט — דאָס ערשטע מאָל נאָך דעם, זינט מע האָט פארמאכט די רעגיסטראטור.

זיי האָבן גענומען איינער דעם אנדערן באטראכטן און האָבן דערזען, אז זיי זײַנען אין נאכט־העמדער, און אפן האלדז הענגט אראָפּ בא יעדערן דער אָרדען.

— ס'וואָלט גוט געווען א גלעזל קאַווע אויסטרינקען! — האָט א זאָג געטאָן איין גענעראַל, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, ס'אַרא אומגעהערטע געשיכטע מיט זיי איז פאָרגעקומען, און ער האָט זיך ווידער צעוויינט.

— וואָס־זשע וועלן מיר פאָרט טאָן? — האָט ער וויינענדיק ווייטער גערעדט: — נעמען אָקאָרשט אָנשרייבן א ראַפּאָרט — איז וואָס־זשע וועט דערפון ארויסקומען?

— אָט וואָס, — האָט אים אָפּגעענטפערט דער צווייטער גענעראַל: — איר לאָזט זיך אוועק, אייער עקסעלענץ, אפ מיזרעך, און איך — אפ מײַרעוו, און צו פאַרנאַכט צו וועלן מיר זיך אפ אָט דעם אָרט ווידער באַגעגענען. עפשער וועלן מיר עפּעס אָפּזוכן.

זיי האָבן גענומען זוכן, ווו איז מיזרעך און ווו איז מײַרעוו. זיי האָבן זיך דערמאָנט, אז זייער נאַטשאַלניק האָט זיי אמאָל דערקלערט: אויב דו ווילסט וויסן, ווו איז מיזרעך, שטעל זיך מיטן פּנים אפ צאָפן, וועסטו צו דער רעכטער זײַט האָבן דאָס, וואָס דו זוכסט. האָבן זיי אָנגעהויבן צו זוכן, ווו איז צאָפן. זיי האָבן זיך געשטעלט אזוי און אנדערש, האָבן איבערגעפּרוּווט אַלע זײַטן פון דער וועלט, נאָר אזויווי זיי האָבן דאָס גאַנצע לעבן זייערט אָפּגעדינט אין א רעגיסטראַטור, האָבן זיי גאָרנִיט ניט געפונען.

— אָט וואָס, אײַער עקסעלענץ: איר לאָזט זיך אוועק רעכטס און איך — לינקס. דאָס וועט זײַן דאָס בעסטע! — האָט געזאָגט איין גענעראַל, וואָס אויסער דער רעגיסטראַטור, איז ער נאָך געווען א לערער פון קאַליגראַפיע [1]) אין א מיליטער־שול פון קאַנטאָניסטן [2]) און איז, דעריבער, געווען עטוואָס קליגער.

געזאָגט און געטאָן, איז איין גענעראַל אוועק רעכטס און זעט — ביימער וואַקסן. און אפ די ביימער פּרוכטן אַלערליי. וויל דער גענעראַל כאָטש איין עפּל אָפּרײַסן, הענגען זיי אָבער אַלע אזוי הויך, אז מע מוז קלעטערן. ער האָט זיך געפּרוּווט קלעטערן — איז גאָר דערפון ניט ארויס, ער האָט נאָר די הענט צעריסן. צוגעקומען איז דער גענעראַל צו א טײַך און זעט — עסווימלט מיט פיש.

---

[1]) קאַליגראַפיע — די קונסט פון שרײַבן שיין און דײַטלעך.

[2]) קאַנטאָניסטן — קליינע קינדער אין צאַרישן רוסלאַנד (ביזן 1856 י.), וואָס זײַנען פון געבוירן אָן פאַררעכנט געוואָרן פאַר סאָלדאַטן. זיי פלעגן זייער דערציִונג באַקומען אין ספּעציעל פאַר זיי אָרגאַניזירטע שולן.

„אָט װעט מע ברענגט אראָפּ אזא מײַנ פּיש אפּ פּאָדיאטשעקע גאָט:“—
האָט דער גענעראל א טראכט געטאָן און האָט זיך אוש אײַנ פּאָנעם פאר־
ענדערט מאכמעס גרויס אפּעטיט.

ארײַנ איז דער גענעראל אײַנ װאלד און דאָרט — די װאלדהינער
פּײַפּן, די אויערהענער פּילדערן, די האָזן לויפּן אום.

— גאָטעניו, װיפל עסנװארג! װיפל עסנװארג! — האָט געזאָגט דער
גענעראל און האָט דערפילט, אז ס׳הײבט אים אָן צו װערן מלאָסנע אפּן
הארצן.

מײלע — מע קאָן גאָרניט מאכן, געמוזט זיך אומקערן צוריק אפּ דעם
אָפּגערעדטן אָרט מיט לײדיקע הענט. געקומען צוריק, ערשט דער צװײ־
טער גענעראל װארט שוין אפּ אים.

— נו, װאָס, אײַער עקסעלענץ, איר האָט עפּעס געקראָגן?

— אָט אָן אלטע צײַטונג „מאָסקאָװסקיע װעדאָמאָסטי“ [3] האָב איך
געפונען, װײַטער גאָרניט.

די גענעראלן האָבן זיך װידער געלײגט שלאָפן. ס׳שלאָפט זיך אָבער
ניט אפּן ניכטערן הארצן. דאָס לאָזט זײ ניט צורו דער געדאנק, װער
װעט פאר זײ פּענסיע באקומען. דאָס דערמאָנען זײ זיך אָן די פרוכטן,
װאָס זײ האָבן באטאָג געזען, אָן די פיש, װאלדהינער, אויערהענער,
האָזן.

— װער האָט עס גאָר, אײַער עקסעלענץ, געקענט טראכטן, אז מענטש־
לעכע שפּײַז איז איר אָנפאנגלעכן אויסזען פליט, שװימט און װאקסט אפּ
בײמער, — האָט געזאָגט אײן גענעראל.

— יאָ, — האָט געענטפערט דער צװײטער גענעראל, — דעם עמעס
זאָגנדיק, האָב איך אויך ביז אהער געמײנט, אז בולקעלעך װערן געבוירן
פונקט אזוינע, װי מע דערלאנגט זײ אינדערפרי צו דער קאװע!

— הײסט עס, אויב עמעצער װיל, צום בײַשפּיל, פארזוכן א װאלדהון,
דארף ער זי אפריער כאפּן, קוילען, אָפּפליקן, אָפּבראָטן.. נאָר װיאזוי
מאכט זיך דאָס אלצדינג?

— װיאזוי מאכט זיך דאָס אלצדינג? — האָט װי א װידערקאָל איבער־
געכאזערט דער צװײטער גענעראל.

---

[3] „מאָסקאָװסקיע װעדאָמאָסטי“ א שװארצמײיקע פּאָגראָם־צײַטונג, װאָס פלעגט דער־
שײַנען אין צארישן רוסלאנד.

זיי זײַנען אנטשוויגן געוואָרן און האָבן זיך געפּלײַסט אנשלאָפן ווערן. נאָר דער הונגער האָט בּעשומויפן ניט געלאָזט שלאָפן. וואלד-הינער, אינדיטשקעס, כאזײרעמלעך האָבּן ניט אופגעהערט צו שווינדלען פאר די אויגן — זאפּטיקע, עטוואָס צוגעבּרוינטע, מיט אוגערקעלעך, מיט פּיקולעס [1]) און אנדערע מינים סאלאט.

— כ'וואָלט איצט, דאכט מיר, מײַן אייגענעם שטיוול אופגעגעסן, — האָט געזאָגט איין גענעראל.

— א פּאָר הענטשקעס שוין היפּש אָפּגעריבּענע זײַנען אויך ניט שלעכט! — האָט אָפּגעזיפצט דער צווייטער גענעראל.

פּלוצעם האָבּן בּיידע גענעראלן א קוק געגעבּן איינער אפן אנדערן: אין די אויגן בּא זיי האָט געגלאנצט א בּייז פײַערל, די ציין האָבּן געקלאפּט, פון דער בּרוסט האָט זיך געטראָגן א פארטויבּט ריטשען. זיי האָבּן גענומען פּאמעלעך זיך צורוקן איינער צום אנדערן, און אין איין אויגנבּליק זײַנען זיי געוואָרן ווי צערייצטע כײַעס. ס'האָבּן גענומען פליען שטיקלעך און פיצלעך. ס'האָט זיך געלאָזט הערן א קוויטשען און אָכקען; דער גענעראל, וואָס איז געווען א לערער פון קאליגראפיע, האָט אָפּגעבּיסן בּא זײַן כאווער דעם אָרדען און האָט אים גלײַך אראָפּגעשלונגען. נאָר דאָס רינענדיק בּלוט, וואָס זיי האָבּן דערזען, האָט זיי געבּראכט צו זיך.

— גאָט איז מיט אונדז! — מיט אזא מין גאנג וועלן מיר דאָך איינער דעם אנדערן אופעסן!

— און ווי קומען מיר אהער! ווער איז דער אויסוורף, וואָס האָט אונדז אזא שפּיצל אָפּגעטאָן!

— מע דארף, אײַער עקסעלענץ, מיט עפּעס א געשפּרעך זיך פארנעמען, אניט קאָן עס נאָך דאָ בּא אונדז דערגיין צו א מאָרד! — האָט א זאָג געטאָן איין גענעראל.

— הייבּט אָן, — האָט געענטפערט דער צווייטער גענעראל.

— ווי, לעמאָשל, מיינט איר, פארוואָס גייט די זון פריער אוף און דערנאָך פארגייט זי, און ניט פארקערט?

— ס'א מאָדנער מענטש איר זײַנט, אײַער עקסעלענץ! אָט איר אליין שטייט דאָך אויך פריער אוף, גייט אין דעפּארטאמענט, דאָרטן שרײַבּט איר און דערנאָך גייט איר שלאָפן.

[1]) פּיקולעס — א סאלאט צוגעריכט פון יאגעדעס און גאָרטנוואַרג.

— נאָר פאַרוואָס זאָל מען ניט דערלאָזן אַזאַ מין סיידער: אפריער גיי איך שלאָפן, זע אַלערליי כאַלוימעס און דערנאָך שטיי איך אויף?

— המ... יאָ!.. און איך, דעם עמעס זאָגנדיק, ווען איך האָב געדינט אין דעפּאַרטאַמענט, האָב איך שטענדיק אַזוי געטראַכט: אָט איז איצט פרימאָרגן, דערנאָך וועט זיין באַטאָג, דערנאָך וועט מען דערלאַנגען וועטשערע און — צײַט שלאָפן גיין!

נאָר די דערמאַנונג וועגן וועטשערע האָט אָנגעיאָגט אויף ביידן אַן אומעט און האָט אָפּגעהאַקט דעם געשפּרעך אין סאַמע אָנהייב.

— געהערט האָב איך פון איינעם אַ דאָקטער, אַז אַ מענטש קאָן זיך אַ לאַנגע צײַט נערן מיט זײַנע אייגענע זאַפטן, — האָט איין גענעראַל ווי־דער אָנגעהויבן.

— וויאַזוי איז?

— אָט אַזוי, זײַנע אייגענע זאַפטן באַשאַפן אַסוואָרע אַנדערע זאַפטן, יענע ווידער באַשאַפן נאָך זאַפטן און אַזוי ווײַטער, ביז די זאַפטן לאָזן זיך, ענדלעך, אינגאַנצן אויס...

— וואָס־זשע איז דעמ?ט?

— דעמלט דאַרף מען אײַננעמען אַ וואָסער ניט איז שפּײַז.

— טפו!

מיט איין וואָרט, וועגן וואָס די גענעראַלן האָבן ניט גענומען ריידן, זײַנען זיי שטענדיק אַרופגעקומען אויף דער פראַגע פון עסן. און דאָס האָט נאָך מער צערייצט זייער אַפּעטיט. זיי האָבן באַשלאָסן: אויפהערן די געשפּרעכן און, דערמאַנט זיך אָן דער געפונענער צײַטונג „מאָסקאָווסקיע וועדאָמאָסטי“, האָבן זיי זיך מיט גרויס כיישעק אַ נעם געטאָן לייענען.

„נעכטן, — האָט מיט אַן אויפגערעגטער שטים געלייענט איין גענעראַל, — איז באַם געערטן שעף פון אונדזער אַלטער הויפּטשטאָט געווען אַ פײַערלעכער וואַרמעס. דער טיש איז געווען געגרייט וווּנדערלעך פּרעכטיק פאַר הונדערט פאַרשוין. די געשאַנקען פון אַלע לענדער האָבן באַשטימט זיך באַגעגענען אויף אָטאָ דעם צויבערלעכן יאָנטעוו. דאָ איז געווען אי דער „שעקסנער גאָלדענער סטערלעט“, אי דער וויכאָוואָניק פון די קאַווקאַזער וועלדער — דער פאַזאַן, אי רויטע פאָזימקעס, וואָס זײַנען אין פעווראַל כוידעש אַזאַ זעלטענע זאַך בא אונדז אין צאָפן“...

— טפו זאָל דאָס ווערן, גאָטעניו! ניט שוין זשע, אײַער עקסעלענץ, קאָנט איר ניט געפינען עפּעס אַן אַנדער זאַך צום לייענען? — האָט פאַר־

צווייפלט אויסגעשריגן דער צווייטער גענעראל און, אוועקגענומען בא דעם כאווער די צייטונג, האָט ער איבערגעלייענט פאָלגנדיקס:

„מע שרייבט פון וויאטקע: איינער פון די אָרטיקע טוישווים האָט אויסגעפונען פאָלגנדיקן אָריגינעלן אופן, וויאַזוי קאָכן פיש־יויך: מע דארף נעמען א לעבעדיקן שלייען און אים אפריער אָפשמייסן, דערנאָך, ווען דער לעבער וועט זיך בא אים פון הארצקלעמעניש פארגרעסערן“...

די גענעראלן האָבן אראָפּגעלאָזט די קעפּ. אלץ, אָפּ וואָס זיי האָבן ניט געווענדט זייערע בליקן — אלץ האָט גערעדט וועגן עסן. זייערע אייגענע געדאנקען האָבן, ווי סאָנים, אָפּ זיי געלאָקערט, ווייל ווי זיי האָבן זיך ניט געפלייסט צו פארטרייבן די געדאנקען וועגן ביפשטעקסן, פלעגן זיך אָבער די דאָזיקע געדאנקען מיט גוואלד דורכשלאָגן א וועג.

און מיטאמאָל האָט בא דעם גענעראל, וואָס איז געווען א לערער פון קאליגראפיע, א בליץ געטאָן א ליכטיקער געדאנק...

— און ווי מיינט איר, אייער עקסעלענץ, — האָט ער געזאָגט מיט פרייד, — ווען מיר זוכן זיך דאָ אָפּ א פויער?

— ס'הייסט, וויאַזוי... א פויער?

— נו, יאָ, א פראָסטן פויער... ווי געוויינלעך פויערים זיינען!.. ער וואָלט אונדז גלייך אי בולקעס דערלאנגט, אי וואלדהינער געכאפּט, אי פיש!

— המ... א פויער... נאָר וווּ נעמט מען אים, אז ער איז ניטאָ?

— וואָס הייסט ניטאָ קיין פויער — א פויער איז אומעטום דאָ, מע דארף אים נאָר א זוך טאָן! מיסטאמע ליגט ער ערגעץ באהאלטן, וויל ניט ארבעטן!

דער דאָזיקער געדאנק האָט די גענעראלן אזוי אופגעמונטערט, אז זיי זיינען אופגעשפרונגען צעפּאטלטע און זיך געלאָזן זוכן א פויער.

לאנג האָבן זיי ארומגעבלאָנקעט איבערן אינדזל אָן שום דערפאָלג, נאָר, ענדלעך, האָט א שארפער רייעך פון קלייענברויט און פון זויערן שאָפּן־פעלץ ארופגעפירט זיי אָפּ א שפור. אונטער א בוים מיטן בויך ארופּ און מיט א פויסט צוקאָפּנס איז געשלאָפן א פויערעץ זייער א גרויסער און האָט אָפּ א סאמע כוצפּעדיקן אופן זיך אויסגעדרייט פון ארבעט. די גענעראלן זיינען געוואָרן גוואלדיק אופגעבראכט.

— שלאָפסט, דו פויליאק איינער! — זיינען זיי אָנגעפאלן אָפּ אים: — עס הייבט דיך ניט אָן צו ארן, וויזוט אויס, וואָס צוויי גענעראלן גייען

2—738

דאָ אויס פון הונגער שוינ דעמ צווייטנ מעסלעס! טייקעפ גיי צו דער ארבעט!

דער פויערעצ איז אופגעשטאנענ. עס זײַנענ, זעט ער, שטרענגע גענעראלנ. געוואָלט האָט ער אָפטראָגנ די ביינער זײַנע, נאָר זיי, די גענעראלנ, האָבנ זיכ אינ אימ אָנגעטשעפעט אונ ניט אָפגעלאָזנ.

אונ ער האָט אָנגעפאנגענ פאר זיי צו ארבעטנ.

צומ אלעמ ערשט, איז ער ארופגעקראָכנ אפ א בוימ אונ האָט אָנגעריסנ פאר די גענעראלנ צו צענדליק עפל פונ די סאמע צײַטיקסטע אונ זיכ האָט ער גענומענ איינעמ א זויערנ. דערנאָכ האָט ער זיכ א גראָב געטאָנ אינ דער ערד אונ האָט ארויסגעקריגנ פונ דאָרטנ קארטאָפל. דערנאָכ האָט ער גענומענ צוויי שטיקלעכ האָלצ, האָט זיי א ריב געטאָנ איינס אָנעמ צווייטנ אונ האָט ארויסבאקומענ פײַער. דערנאָכ האָט ער פונ די אייגענע האָר געמאכט א נעצ אונ געכאפט א וואלדהונ. ענדלעכ האָט ער צעלייגט א פײַער אונ האָט אָפגעבאקנ אזויפיל פארשיידענע שפײַזנ, אז די גענעראלנ איז אפילע געקומענ א געדאנק, צי זאָלנ זיי ניט אויכ אימ, דעמ פאראזיט, געבנ א שטיקעלע כיילעק?

די גענעראלנ האָבנ צוגעזענ דעמ פויערס פלײַסנ זיכ אונ דאָס הארצ האָט זיכ אינ זיי געפרייט. זיי האָבנ שוינ פארגעסנ, אז נעכטנ זײַנענ זיי שיר ניט געשטאָרבנ פאר הונגער, זיי האָבנ זיכ געטראכט: אָט וויאזוי ס'איז גוט צו זײַנ גענעראלנ,—ועסט אינערגעצ ניט פארפאלנ ווערנ.

— צי זײַנט איר צופרידנ, הערנ גענעראלנ?—האָט א פרעג געטאָנ דער פויערעצ, דער פויליאק.

— צופרידנ, ליבער פרײַנט, מיר זעענ דײַנ פלײַס,—האָבנ געענטפערט די גענעראלנ.

— וועט איר דערלויבנ איצט אָפרוענ?

— רו זיכ אָפ, טײַערער, נאָר פלעכט אויס פריער א שטריקעלע.

דער פויערעצ האָט גלײַכ אָנגעקליבנ ווילדע קאָנאָפליעס, אײַנגעווייקט זיי אינ וואסער, צעקלאפט אונ צעקוועטשט, אונ צו אָוונט צו איז געווענ פארטיק א שטריק. מיט דער דאָזיקער שטריק האָבנ די גענעראלנ דעמ פויער צוגעבונדנ צו א בוימ, ער זאָל ניט אנטלויפנ, אונ אליינ האָבנ זיי זיכ געלייגט שלאָפנ.

ס'איז אוועק א טאָג אונ נאָכ א טאָג. דער פויער איז געוואָרנ אזוי פלינק אינ דער ארבעט, אז ער האָט זיכ אויסגעלערנט אינ זשמעניע זופ קאָכנ. אונדזערע גענעראלנ זײַנענ געוואָרנ פריילעכ, זאט, זיי זײַנענ געוואָרנ פוכקע אונ ווײַס אפנ לײַב. זיי האָבנ גענומענ שמועסנ, אז אָט לעבנ זיי זיכ דאָ אפ אלעמ גרייטנ, אונ אינ פעטערבורג דערווײַל וואקסט אלצ אונ וואקסט דאָס געלט פונ זייערע פענסיעס.

זיי זוכנ אָפ דעמ נומער „מאָסקאָווסקיע וועדאָמאָסטי", זעצנ זיכ אוועק אינ שאָטנ אונ לייענענ אימ דורכ פונ טאָוול ביז טאָוול, ווי אזוי מע האָט געגעסנ אינ מאָסקווע, געגעסנ אינ טולע, געגעסנ אינ פענזע, געגעסנ אינ ריאזאנ — אונ ס'הויבט זיי גאָרניט אָנ צו נודענ.

פריִער צי שפּעטער, נאָר די גענעראלנ האָבנ זיכ פונדעסטוועגנ פאר־בענקט. אלצ אָפטער אונ אָפטער האָבנ זיי זיכ גענומענ דערמאנענ אָנ די קעכנעס, וואָס זיי האָבנ אינ פעטערבורג איבערגעלאָזט, אונ פלעגנ שטילערהייט אפילע לאָזנ א טרער.

— וואָס טוט זיכ, לעמאָשל, אצינד אפ דער פּאָדיאטשעסקע, אײַער עקסעלענצ? — פלעג פרעגנ איינ גענעראל דעמ צווייטנ.

— רעדט שוינ ניט, אײַער עקסעלענצ, — האָט געענטפערט דער צוויי־טער גענעראל. — מאמעש דאָס הארצ גייט אויס.

אונ זיי האָבנ גענומענ דעמ פויער מאטערנ: איינמאָל פאר אלע מאָל ער זאָל זיי ברענגענ אפ פּאָדיאטשעסקע! וואָס־זשע מיינט איר! ס'האָט זיכ אויסגעלאָזט, אז דער פויער ווייסט אפילע, ווו די פּאָדיאטשעסקע געפינט זיכ. ער איז דאָרט געוועזנ, האָט געטרונקענ ביר אונ ווײַנ, ס'איז גערונענ איבער די ליפּנ, נאָר אינ מויל איז ניט ארײַנ!

— דאָס זײַנענ מיר דאָכ די פּאָדיאטשעסקער גענעראלנ! — האָבנ זיכ די גענעראלנ דערפרייט.

— אונ איכ, אויב איר האָט וועג געזענ: א מענטש הענגט פארנ הויז אינדרויסנ, אינ א קעסטל אפ א שטריק, אונ שמירט די וואנט מיט פארב, אָדער ער גייט אומ איבערנ דאכ ווי א פליג — אָט א יענער אָ דאָס בינ איכ טאקע! — האָט געענטפערט דער פויער.

אונ דער פויער האָט גענומענ באקלערנ, ווי אזוי די גענעראלנ זײַנענ צו דערפרייענ דערפאר, וואָס זיי האָבנ אימ, דעמ לײַדיקגייער, אָנגעטאָנ קאָוועד אונ זײַנ פויערשע מי ניט פארמיִעסט! אונ ער האָט אויסגעבויט א שיפ, ניט קיינ שיפ, נאָר א קיילע אזא, וואָס מע זאָל אפ איר קאָנענ

אריבערשווימענ אלע יאמענ אונ אָקעאנענ אזש ביז דער פּאָזיאטשעסקע גאס.

— זע קאָרשט, דו בעסטיע, זאָלסט אונדז ניט דערטרינקענ, — האָבנ די גענעראלנ געזאָגט, דערזעענדיק, ווי דאָס שיפל וויגט זיכ אפ די כוואליעס.

— זײַט רויִק, הערנ גענעראלנ, ס׳איז ניט דאָס ערשטע מאָל! — האָט דער פויער געענטפערט אונ האָט זיכ גענומענ גרייטנ אינ וועג ארײַנ.

דער פויער האָט גענומענ ווייכנ שוואנענ־פוכ אונ מיט דעמ אויסגעבעט די דעק פונ שיפל. אויסגעבעט, האָט ער אנידערגעלייגט אפנ דעק די גענעראלנ, האָט זיכ איבערגעצײלעמט אונ אוועקגעשווומענ. וויפל שרעק די גענעראלנ זײַנענ אויסגעשטאנענ אינ וועג פונ שטורעמס אונ פונ ווינטנ פארשיידענע, וויפל זידל־ווערטער זיי האָבנ ארײַנגעלייגט אינ פויער פאר זײַנ לײדיקגייערשאפט, — דאָס איז ניט צומ באשרײַבנ אונ ניט אויסצודערציילנ. אונ דער פויערעצ ער טרײַבט אלצ דאָס שיפל אונ שפײַזט די גענעראלנ מיט הערינג.

אָט איז שוינ, ענדלעכ, די מאמעניו־נעווא, אָט איז דער שיינער קאטערינע־קאנאל אונ אָט איז אויכ גרויס־פּאָדיאטשעסקע גאס! די קעכנעס האָבנ מיט די הענט א פלעסקע געטאָנ, ווענ זיי האָבנ דערזענ, ווי די גענעראלנ זייערע זײַנענ געוואָרנ אָפּגעגעסנ, אויסגעבאָליעט אונ פריילעכ. די גענעראלנ האָבנ זיכ אָנגעטרונקענ מיט קאווע, זיכ אָנגעגעסנ מיט פוטער־בולקעלעכ אונ אָנגעטאָנ די מונדירנ. אוועקגעפאָרנ זײַנענ זיי אינ מעלוכע־באנק, אונ וויפל געלט זיי האָבנ דאָרט אָנגעזשעפּרעוועט — איז מיט קיינ מויל ניט אויסצורײדנ אונ מיט קיינ פּענ ניט צו באשרײַבנ.

אינ דעמ פויער האָט מענ פונדעסטוועגנ אויכ ניט פארגעסנ. מע האָט אימ ארויסגעשיקט א קעלעשעק בראָנפנ אונ א זילבערנ פיטאקל: פריי זיכ, פויערעצ!

דער ראָב, וואָס האָט געזוכט יוישער און גענאָד.

דער אלטער ראָב האָט מיטנ גאנצנ הארצנ זײַנעמ געוויייטיקט. מע ראָט אויס דאָס קראָענ-פאָלק: ווער עס קאָנ נאָר א האנט אופהייבנ, דער שלאָגט. וואָלט מענ דערמיט כאָטש א נוצנ אויסנ געווענ. איז נײנ — מ׳איז אויסנ נאָר שפאס.

אויכ די קראָענ אלײנ האָבנ עפעס אָנגעווירנ דעמ קוראזש, אָפֿהענטיק געוואָרנ. ניטאָ שוינ דאָס אמאָליקע נעווײַשע קראקענ; ס׳זיצנ זיכ אויס

קראָענ א טשאטשע אפ א בערעזע אונ קראקענ גלאט אינ דער וועלט אריַינ: אָט, הייסט עס, אָט זיַינענ מיר! זעלבסטפאר שטענדלעכ, אז טייקעפ איז — פאפ! — אונ א צענדליק אָדער צוויי צענדליק פונ דער טשאטשע זיַינענ קאפוט.

קיינ עסנ צו זאט, ווי אמאָל, איז איצט אויכ ניטאָ. די וועלדער ארומ אונ ארומ — שוינ אויסגעהאקט, די זומפנ — אויסגעטריקנט, די כיַיעס — פארטריבנ. ערלעכערהייט איז אומעגלעכ געוואָרנ זיכ דורכצולעבנ. גענומענ האָט דאָס קראָענ־געזינדל אומשנאָרענ איבער די גערטנער, סעדער, אינ די פי־שטאלנ. אונ דערפאר איז ווידער — פאפ! אונ דער־פונ באקומט זיכ ווידער, אז א פאָר צענדליק קראָענ זיַינענ גליַיכ ווי אפ דער וועלט ניט געווענ! א גליק, וואָס די קראָענ קינדלענ אָפט, אניט וואָלט ניט געווענ, ווער זאָל דעמ טורעמפאלק [1]), דעמ שפארבער אונ דעמ אָדלער צינש צאָלנ.

אז דער אלטער הייבט אָנ צו שטראָפנ דאָס יונגווארג אונ עס לערנענ: קראקעט ניט גלאט אינ דער וועלט אריַינ! פליט ניט אינ קיינ פרעמדע גערטנער! — הערט ער בלויז איינ ענטפער: גאָרניט פארשטייסטו ניט, אלטער טערעכ, אינ דער היַינטיקער וועלט! ניט גאנוועענ קאָנ מענ ניט היַינטיקע ציַיטנ. אויכ אינ דער וויסנשאפט ווערט געזאָגט: האָסט ניט וואָס צו עסנ — טאָ מאכ עפעס א געדריי, אלע טוענ איצט אזוי. אז ס'הייבט נאָר אָנ שארינענ, כאפנ מיר זיכ אופ פונ די נעסטנ אונ — גליַיכ אינ וואלד אריַינ, נישטערנ אויס אלע וויגקעלעכ אונ דו זאָלסט זאָגנ, ס'זאָל כאָטש זיַינ א זייכער פונ א פאָזימקע, פונ א פייגעלע, אָדער פונ א כיַיע א געפייגערטער. אפילע די ווערעמ זיַינענ אויכ טיפ ערגעצ אינ דער ערד פארקראָכנ.

דער אלטער ראָב הערט אויס די רייד אונ בליַיבט שטיינ טיפ פארזונ־קענ אינ געדאנקענ. ער געדענקט אפ זיַינ לעבנ שווערע ציַיטנ. ער גע־דענקט, ס'זיַינענ געווענ יאָרנ, ווענ די קראָענ האָבנ לאנג ניט געהאט וואָס צו עסנ. אָנ א שיר קראָענ זיַינענ דעמלט אומגעקומענ. נאָר דעמלט איז געווענ א געזעצ: דו האָסט נעגל — קאָנסטו ריַיסנ שטיקער פונ דיַינ אייגנ ליַיב — נאָר קיינ פרעמדס טשעפע ניט. עמעס, מע האָט שוינ דעמלט ארויסגעזענ, אז ניט לאנג וועלנ די קראָענ אזא לעבנ קאָנענ אויסהאלטנ, זענ, ווי אנדערע לעבנ א גוטנ טאָג, אונ אליינ אויסגיינ פונ הונגער —

[1]) טורעמפאלק — Кречет

פונ אזא מיג זאכ קאָנ בא וועמענ איר ווילט דאָס הארצ פארלויפנ מיט בלוט.

אונ ס'איז טאקע די וויסנשאפט צו הילפ געקומענ: פאק ארײַנ, וואָס דו קענסט. ווו אונ ווענ דו קענסט! האָט זיכ דיר אײַנגעגעבנ די וואָליע דײַנע אָנשטאָפנ — פלי זיכ ארומ פריילעכ אונ זאט, האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ — איז הענג א דורכגעשאָסענער אינ א גאָרטנ, אָנשטאָט א סטראשידלע! אפ דערופ איז מילכאָמע!

ווענ זײַנ אלטער טאטע האָט אימ א יונגנ, ערשט פונ די פעדערנ, אהער פונ ווײַטע קאנטנ אראָפגעבראכט, האָט דאָ נאָכ געהערשט א פולע פרײַהײַט. אזויפיל וואלד אונ וואסער — מיטנ אויג ניט צו כאפנ. אינ וואלד — אלערליי יאגעדעס, כײַעס, פייגל — אלצדינג איבערגענוג; אינ די וואסערנ האָט אומעטומ געווימלט מיט פיש. פונקט ווי איצט, איז אנ עלטסטער איבער די פייגלענ דעמלט געווענ דער שפארבער. נאָר דער דעמלטיקער שפארבער איז זײַנ גאנצ לעבנ געווענ זאט איבערנ האלדז אונ איז געווענ פראָסט בא זיכ, — אזוי פראָסט, אז ביז הײַנטיקנ טאָג גייענ אומ אנעקדאָטנ וועגנ זײַנ פראָסטקײַט. ער פלעג, עמעס טאקע, ליב האָבנ א נאש טונ יונגיקע קראָעלעכ, אָבער ער פלעג עס טאָנ מיט יוישער: הײַנט פלעג ער צושלעפנ א קראָעלע פונ איינ נעסט, אונ מאָרגנ — שוינ פונ אנ אנדער נעסט. אונ אז ער זעט, אז דער נעסט איז אנ אָרעמער, א כאָרעווער, פליט ער אינגאנצנ אוועק מיט גאָרניט. אויכ די שטײַערנ זײַנענ דעמלט געווענ ניט קיינ שווערע: צו אנ איי פונ יעדער נעסט אונ צו א פעדער פונ יעדער פליגל אונ פונ יעטווידער צענדליק נעסטנ — א ראָבל — דעמ אָדלער א מאטאָנע. אָפגעקומענ דעמ כויוו — איז שלאָפ זיכ רויִק.

נאָר וואָס ווײַטער האָט זיכ עס אלצ מער אונ טיפער געביטנ. דער מענטש האָט ליב געקריגנ אָט די פרײַע ערטער אונ האָט אָנגעהויבנ פונ דעמ, וואָס ער האָט געלאָזנ אינ גאנג די האק. אונ די וועלדער זײַנענ שיטער געוואָרנ, די זומפנ האָבנ זיכ גענומענ פארציִענ, דער טײַכ — אײַנטריקענענ. בא די טײַכ־ברעגנ האָבנ זיכ צוזעצט באוויזנ קליינע יישוווימ, דערפער, פריצישע הויפנ, די קלעפ פונ דער האק האָבנ געהילכט אינ די וואלד־טיפנ אונ צעשטערט דאָס געוויינלעכע רויִקע לעבנ פונ די כײַעס אונ פונ די פייגל.

די עלטסטע פונעמ קראָענ־שייוועט האָבנ שוינ דעמלט פאָרויסגעזאָגט, אז ס'רוקט זיכ אָנ עפעס ניט קיינ גוטע צײַט, נאָר דאָס קראָעשע יונג־

ווארג איז א פריידיקס אומגעפלויגנ ארומ די מענטשלעכע הײַזער, ווי עס וואָלט באגריסט אָט די נײַע אײַנוווינער. ס׳איז זיי, די יונגע הערצער, דערעסנ געוואָרנ די אלטע געבאָטנ פונ די אור־עלטערנ. די וואלד־טיפנ זײַנענ זיי נימעס געוואָרנ, ס׳האָט זיכ געגלוסט עפעס נײַס, ווונדערלעכס, אומבאקאנטס. די קראָענ האָבנ זיכ פארטיילט אפ פארטייענ. ס׳האָבנ זיכ אָנגעהויבנ קריגערײַענ, סיכסוכימ, סינע און רויגעז.

אײנײנעמ מיט דעמ זײַנענ אויכ פאָרגעקומענ ענדערונגענ אינ די העכערע ספערנ. ס׳האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דער אלטער שפארבער שטייט ניט אפ דער הייכ פונ זײַנע אופגאבעס. די הויפט־שעפנ האָבנ אימ א נאָמענ געגעבנ—אלטער קאָלפעק. קראָענ האָבנ זײַנ מאכט ניט אנערקענט און האָבנ פאמיליאריש אימ אינ די אויערנ ארײַנגעקראקעט פארשיידענע נארישקײַטנ.

דער שפארבער, ווידער, אָנשטאָט דעמ, ער זאָל מאכנ א סאָפ צו דעמ פונ אָנהייב אָנ, פלעגט ער גוטמוטיק פינטלענ מיט די אויגנ און זיכ וויצלענ: אָט וועט באלד אָנקומענ די רעפאָרמע, וועט מענ אײַכ שוינ ווײַזנ, ווער עלטער איז! ענדלעכ, איז די דערווארטע רעפאָרמע אָנגעקומענ. דעמ אלטנ האָט מענ מעשאַלײַעכ געוועזנ, און אפ זײַנ אָרט האָט מענ פאר אנ עלטסטנ ארײַנגעשיקט נאָכ גאָר א יונגנ שפארבער, און אימ צוהילפ, קעדיי צו פארשטארקנ דעמ קאָנטראָל, האָט מענ צוגעשטעלט א טורעמפאלק.

די נײַע עלטסטע זײַנענ ארופגעקומענ צו די קראָענ און מיט זיי גערעדט הארבע רייד. „איכ וועל פונ אײַכ מאכנ א מאָטשינקע”,—האָט דער שפארבער א הוקע געטאָנ, און דער טורעמפאלק האָט צוגעגעבנ: „און איכ אויכ”. אָפגעזאָגט, האָבנ זיי געמאָלדנ, אז די שטײַערנ ווערנ אינ פארגלײַכ מיט פריער דרײַפאכ פארגרעסערט, האָבנ ארויסגעגעבנ שטײַערבויגנס און—זײַנענ אוועקגעפלויגנ.

ס׳האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ עמעסער כורבנ. די קראָענ האָבנ אומצופרידנ געוואָרטשעט. „שטײַערנ לייגט מענ ארופ אומדערבארעמדיקע און קיינ נײַע גיטער טיילט מענ ניט אויס!”—האָבנ זיכ געטראָגנ קוילעס איבערנ וואלד; ניט דער שפארבער, ניט דער טורעמפאלק האָבנ אפ דעמ באקלאָגנ זיכ פונ די קראָענ קיינ אכט ניט געלייגט און האָבנ ארויסגעשיקט רויטפיסלעכ [1] כאפנ די רעכילעסטרײַבער, וואָס פארשפרייטנ פוסטע קלאנגענ צווישנ אוילעמ. אסאכ נעסטנ האָט מענ דעמלט כאָרעוו גע-

[1] רויטפיסל — Копчик

מאכט, פיל קראָען האָט מען גענומען אין געפענקעניש און געוואָרפן פאַר די וועלף און פאַר די פוקסן.

מע האָט געמיינט, אַז די קראָען וועלן זיך דערשרעקן און ברענגען צו טראָגן דעם צינש אָפּ די ווײַדלען, די קראָען אָבער האָבן פון שרעק נאָר געציטערט און טרויעריק געקראַקעט: נאַט, קוילעט, שיסט, נאָר קיין צינש האָבן מיר ניט פונוואַנען צו געבן.

אָט אַזוי איז עס ביז הײַנטיקן טאָג: די קראָען ווערן רויִנירט, און די מעלוכישע קאַסע ווערט ניט פולער. ווען אַ קראָ געלינגט אַפילע עפּעס צושלעפּן, נעמט עס אויך דער רויטפּיסל אָפּ בײַ איר אַפן וועג. מיט איין וואָרט, ס׳איז אַזוי שלעכט, אַז ערגער קען שוין ניט זײַן! באַקלערט האָבן די קראָען צו זוכן זיך נײַע ערטער און האָבן אַרויסגעשיקט פליִערס פאָרויס אויסצופאָרשן. די פליִערס זײַנען אַוועקגעפלויגן, נאָר צוריק האָבן זיי זיך ניט אומגעקערט. עפּשער האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט, עפּשער האָבן אַפן וועג די רויטפּיסלעך זיי דערשטיקט און עפּשער זײַנען זיי גלאַט פון הונגער אויסגעגאַנגען. אַ שפּאַס אויסצורעדן — פון אַן אײַנגעזעסן אָרט זיך אַוועקלאָזן פליִען ערגעץ אין דער ווײַסער וועלט אַרײַן! ניטאָ שוין איצט קיין פרײַע ערטער! דער מענטש איז אומעטום אַרײַנגעדרונגען! אויך אים איז ענג געוואָרן. ער גייט מיט דער האַק פאָרויס: די וועלדער קרעכצן, די כײַעס לויפן אַוועק, און ער — פון פרי ביז נאַכט קאָרטשע-וועט ער די פּעניאָקעס, רײַניקט דעם באָדן, טעסעט זיך אַ שטוב, און בײַ-נאַכט אינעם ערד-שטיבל ציטערט ער פון קעלט און פון הונגער און וואַרט, ווען וועט אַמאָל פונעם גאַנצן האָרעפּן זײַנעם זיך שוין באַקומען עפּעס אַ טאָלק.

דער אַלטער ראָב האָט געטראַכט-געטראַכט און זיך, סאָפּקאָלסאָפּ, אָנגעטראַכט: מע דאַרף פליִען און מעלדן דעם גאַנצן עמעס. ער איז אָבער אַלט און שוואַך — צי וועט ער דערפליִען? דער וועג איז דאָך אַ גרויסער, צוערשט דאַרף מען גיין מיט אַ באַקאָשע צום שפּאַרבער, דערנאָך צום שטורעמפאַלק און, לעצטנס, צום שוליק, וואָס האָט אין יענער צײַט געוועלטיקט איבער די קראָען, געווען ווי אַ מין שעף פונעם קאַנט.

פונדעסטוועגן האָט ער, סאָפּקאָלסאָפּ, אין איינעם אַ פרימאָרגן גאַנץ-פרי זיך אופגעהויבן פונעם נעסט און איז אַוועקגעפלויגן. ער גיט אַ קוק — דער שפּאַרבער זיצט אָפּ אַ הויכער, הויכער סאָסנע שוין אַן אָפּגעגעסענער און רײַניקט מיט די נעגל דעם פּיסק.

— א גוט מאָרגן, אלטיטשקער, — האָט אים דער שפּאַרבער גוטמוטיק באַגריסט, — נאָך וואָס ביסטו געקומען?

— געקומען בין איך פאַר דיר, פאַר דײַן עקסעלענץ, דעם עמעס מעלדן, — האָט זיך הײס צעקראַקעט דער אַלטער ראָב, — דאָס קראָען־פאָלק גײט אונטער! גײט אונטער! דער מענטש ראָט אים אויס. די צינשן די אומ־דערבאַרעמדיקע מאַכן אָן כורבן, די רויטפּיסלעך דערגײען די יאָרן... דאָס קראָען־פאָלק שטאַרבט, און די, וואָס זשיפּען נאָך, — זײ האָבן ניט, מיט וואָס זיך צו דערנערן.

— אַזוי גאָר! עפּשער האָבן זיך אָט די אַלע אומגליקן צו די קראָען געגומען דערפון, ווײַל איר זײַנט פויל און נאַכלעסיק?

— דו ווײסט אַלײן, אַז בא אונדז איז קײן פוילקײַט און נאַכלעסיקײַט ניט פאַראַן. פון פרי ביז נאַכט זוכן מיר און נישטערן און קוקן אַרויס געפינען עפּעס שפּײַז. מיר לעבן אין אַרבעט, אין מי, ווי אָרנטלעכע קראָען דאַרפן לעבן. די זאַך איז נאָר, וואָס ערלעכערהײט איז אומעגלעך געוואָרן עפּעס צו קריגן.

דער שפּאַרבער האָט זיך אַפּ א רעגע פאַרקלערט, ווי ער וואָלט זיך גע־וואַקלט דאָס עמעסע וואָרט אַרויסצוזאָגן. נאָר, סאָפּקאָלסאָף, האָט ער עס אַרויסגעזאָגט:

— מאַכט עפּעס א קונץ, א געדרײ!

דער דאָזיקער באַשלוס אָבער האָט דעם ראָב ניט באַפרידיקט, נאָר נאָך מער אופגערעגט.

— איך ווײס, אַז איצט לעבט מען דורכויס אַזוי מיט קונצן, — האָט ער הײס אָפּגעענטפערט: — די קראָען אָבער זײַנען פּראָסטע לײַט — זײ קאָנען עס ניט. אַנדערע גאַנווענען מיליאָנען, און ס׳גײט אָפּ גלאַט, און א קראָ, אַז זי שלעפּט צו עפּעס פאַר א קאָפּיקע — קומט איר דערפאַר טויט. דו באַרעכן זיך נאָר, איז דאָס ניט קײן פאַרברעכן: פאַר א קאָפּיקע — טויט. און דו זאָגסט אונדז נאָך: מאַכט עפּעס א קונץ! דו ביסט אונדז צוגעשיקט געוואָרן פאַר אַן עלטסטן, זאָלסט זען, מע זאָל אונדז ניט קריוודען, לאָזט זיך אויס — דו ביסט דער ערשטער רויִבירער און אונטערדריקער! ביז־וואַנען וועלן מיר לײַדן? ווײַל אויב מיר...

דער ראָב האָט זיך דערשראָקן און ניט דערזאָגט: קאָנטיק, אַז ס׳איז ניט קײן גרינגע זאַך — זאָגן דעם עמעס.

נאָר דער שפּארבּער איז, ווי געזאָגט, געווען זאט און האָט אָפּ דעם זומגעבּעטענעם גאסט געקוקט גוטמוטיק.

— איך ווייס, פארשפּאָרסט זאָגן—האָט ער זיך אָנגערופן—די דאָזי־ זע ליד הערן מיר שוין לאנג, נאָר דערווײַל איז נאָך גאָט א פּאָטער... י׳ נעם אָבּער אָט וואָס אין אכט: געקומען ביסטו דעם עמעס אויסדער־ יילן, און האָסט זיך באַם ערשטן וואָרט פארהאקט... האָסטו טאקע אלץ יערציילט?

— לעסאטע אלץ,—האָט דער ראָב געענטפערט מיטן א געפאלענעם מוט.

— נו, איז וועל איך דיר אָט־וואָס ענטפערן: דער עמעס דײַנער אי זוין לאנג ·אלעמען באוווּסט; ניט נאָר אײַך, קראָען, נאָר אויך די רויט־ יסלעך, די שפּארבּערס און די שוליקעס. ער איז אָבּער ניט צוגעפּאסט אר אונדזער צײַט, און דעריבּער וויפל דו זאָלסט וועגן אים ניט מעלדן אָטש גיי און שרײַ אָפּ אלע ראָגן—וועט פון דעם גאָרניט ארויסקומען, ון ווען ס׳וועט קומען די צײַט, ווען דער עמעס וועט זיך אַלײן אנט־ לעקן—דאָס ווייס דערווײַל קיינער ניט. האָסט מיך פארשטאנען?

— איך האָב פארשטאנען איין זאך: געקומען איז אן אונטערגאנג אָפּ עם קראָען־פאָלק,—האָט פארביטערט געענטפערט דער ראָב.

— נו, וויבאלד דו האָסט ניט פארשטאנען, טאָ לאָמיר מיט דיר נאָך א מועס טאָן. דו טײַנעסט, אז דער מענטש טוט אײַך איסראָטן. איז שוין־ טע זײַנען מיר, פייגל, אימשטאנד גיין קעגן מענטשן. דער מענטש האָט ילוועד צוגעטראכט—הײַנט וואָס קאָנען מיר דערופ ענטפערן? דער ענטש האָט צוגעטראכט פולווער און שיסט אין אונדז: וואָס אים פאר־ וסט זיך, דאָס טוט ער מיט אונדז. מיר זײַנען געגליכן צו פויעו״מ, אלערליי אויפאנימ און פון אלע זײַטן שיסט מען אין זיי. דאָס ט א שאָס דער אײַזנבאן, דאָס א נײַע מאשין, דאָס אן אומגערעטעניש, אָס א שפּאָגל־נײַער שטײַער, און זיי—איבּערגעקערט זיך אָפּ דער אנ־ דערער זײַט און גאָרניט. וויאזוי האָט זיך עס באקומען, וואָס פלוידער־ ק האָט ארײַנגעקראָגן אין זײַנע הענט דעם אײַזנבאן און בא אימ, עמ פויער, איז געוואָרן אין קעשענע מיט א גריוויינקע וויניקער—איז פינצטערער מענטש אימשטאנד דען דאָס צו פארשטיין? און די זאך ז גאָר א פּאָשעטע: פלוידערזאק האָט פולווער צוגעטראכט און די פויע־ מ, זיי קענען נאָר, ווי די ווערעמ, אין מיסט זיך רויען. נו, אויב דו ביסט וואָרעמ, טאָ לעב ווי א וואָרעמ פאסט צו לעבן. איר, קראָען, אז אײַך

מאכט זיך א וואָרעמ, טוט איר אימ דאָך אויך זײַנ רעכט. באַטראַכט זיך נאָר! וואָס וואָלט איר געזאָגט, ווענ ער הייבט אופ אפ אײַך א גוואַלד — צי וואָלט איר ניט די ערשטע געשטוינט: זע נאָר, א וואָרעמ אזא, אונ ער עפנט נאָך א מויל! אָט אזוי איז עס, אַלטיטשקער! ווער עס האָט מער קויעך — דער איז גערעכט. איצט האָסטו צעקײַעט?

— איז, הייסט עס, דער אויסוועג — קאַפּאָרע ווערנ? אַך, ס'אַרא אכזאָריעס עס ליגט אינ דײַנע ווערטער! — האָט דער ראָוו מיט וויי זיך אָנגערופנ.

— מײַנע ווערטער זײַנענ אכזאָריעסדיק צי ניט אכזאָריעסדיק — ניט אינ דעמ גייט עס. די זאַך איז אינ דעמ, וואָס אויך איך האָב דיר ארויסגעלייגט דעמ עמעס אפנ טיש. ניט דעמ עמעס, וואָס דו זוכסט, נאָר דעמ, וואָס איטלעכער דאַרפ באַ הײַנטיקע צײַטנ נעמענ אינ אכט. נאָר לאָמיר שמועסנ ווײַטער. די זאָגסט, אז די רויטפּיסלעך כאַפּנ באַ אײַך אויס אינ דער לופטנ דאָס עסנ, אז איך אליינ, דער שפּאַרבער, מאַך כאָרעוו אײַערע נעסטנ, אז ניט מיר פאַרטיידיקנ אײַך, נאָר מיר ברענגענ אײַך אומ. וואָס־זשע מיינסטו: איר ווילט עסנ — מיר ווילנ אויך עסנ. ווענ איר וואָלט געווענ שטאַרקער — וואָלט איר אונדז אופגעגעסנ. מיר זײַנענ שטאַרקער — עסנ מיר אײַך אופ. דער עמעס איז דאָך אזוי, דו האָסט מיר דײַנ עמעס געמאָלדנ, אונ איך דיר — מײַנעמ; מײַנ עמעס איז אזא, וואָס מע זעט אימ פאַר די אויגנ, אונ דײַנער שוועבט אומ ערגעץ אינ די וואָלקנס. פאַרשטייסט?

— נאָר אומקומענ דאַרפ מענ! אומקומענ! — האָט געטײַנעט דער אַלטער ראָוו, וואָס האָט קימאַט ניט באַגריפנ דעמ אייגנטלעכנ באַטײַט פונעמ שפּאַרבערס רעדעס, נאָר ער האָט אינסטינקטיוו געפילט, אז אינ זיי איז פאַראַנענ עפּעס א גוואַלדיקע אכזאָריעס.

דער שפּאַרבער האָט באַטראַכט דעמ ראָוו פונ קאָפּ ביזנ עק. אונ אזוי ווי ער איז געווענ זאַט, האָט זיך אימ פאַרוואָלט א שפּאַס פּראָווענ מיטנ אַלטנ.

— איך קאָנ דיך אופעסנ, אויב דו ווילסט, — האָט ער א זאָג געטאָנ; נאָר דערזענ, ווי דער ראָוו איז אינסטינקטיוו אָפּגעשפּרונגענ אפ צוריק, האָט ער ווײַטער געזאָגט: — ווייס איך וואָס! ביסט מאָגער־אונ אַלט — וואָס פאַר א שפּײַז ביסטו! אנו, צעשפּיליע נאָר דאָס וועסטל.

דער ראָוו האָט צעגומענ די פּליגל אונ איז אליינ דערשטוינט געבליבנ: הויט אונ ביינער, ניט קיינ פּוך אונ ניט קיינ פעדער — א הונגעריקער וואָלפ אפילע וואָלט זיך אויך אפ אזא פויגל ניט קוואַפּענ.

— אַט זעסט, האָב ס'איז געוואָרנ פונ דיר, אונ דאָס אלצ איז דערפאר, ווײַל דו זוכסט דעמ עמעס. ווענ דו וואָלסטו געלעבט אזוי ווי א ראָב דארפ לעבנ, אָנ טראכטעניש — וואָלסטו אזוי דענ אויסגעזענ?

אגעוו, שוינ געזוג זיך אָנגערעדט. איר קלאָגט זיך, אז די ציינשנ, וואָס מע נעמט בא אײַך, קראָענ, זײַנען אומדערבארעמדיקע — ס'איז אויך אנ עמעס. אָבער גיב אלײנ א טראכט: בא וועמענ דענ נעמענ? די שפערלעך, בלויערלעך, טשיזשיקעס, פינקס קענענ עפּעס געבנ? צי די וואלדהינער, אויערהענער, ווילדגענדז, פיקהאָלצנ, קוקוס? די דאָזיקע לײַט לעבנ זיך יעדער באזונדער אונ ווערט זיי אפילע באטאָג מיט קיינ ליכט ניט געפינענ. בלויז די קראָענ לעבנ קאָלעקטיוו, פונקט ווי די פויערימ, אונ דערצו גיבנ זיי אָנ אופהער ווענג זיך צו וויסנ — הײַנט וואָס־זשע איז דער כירעש, וואָס זיי זײַנען ארײַנ אינ די צעטלענ ציינש־צאָלער? אונ ביסטו ארײַנ אינ צעטל פונ די ציינשניקעס — איז האלט זיך! אויב די לעצטע צײַט זײַנען די אקציזנ ווירקלעך שווערער געוואָרנ, איז א סימענ, אז אזוי דארפ זײַנ. די באדערפענישנ זײַנען גרעסער — ווערנ די אקציזנ אויך גרעסער: פרעג בא ווענמענ דו ווילסט, וועט ער דיר זאָגנ. אָט אזוי איז עס, אלטיטשקער! דו האָסט ארויסגעזאָגט דעמ עמעס אונ איך האָב ארויסגעזאָגט דעמ עמעס; וועמעס עמעס איז שטארקער? — דאָס לעבנ פונ די קראָענ גיט דערופ א קלאָרנ ענטפער. נו, אונ איצט פלי זיך דיר צו זיך אהיימ, ווײַל איך וויל כאפנ א דרעמל.

דער ראָב אָבער איז צוריק אהיימ ניט אוועקגעפלויגנ, נאָר ער האָט זיך אוועקגעלאָזנ צומ טורעמפאלק.

— סימעג זיך זײַנ, וואָס עס וויל זיך, — האָט ער זיך געטראכט, ארבעטנדיק שווער מיט די אלטיטשקע פליגל: — איך מוז דערפירנ די זאך ביזנ סאָפ! אויב דער טורעמפאלק וועט מײַנ עמעס ניט אָנעמענ, וועל איך פליִענ צומ שוליק אלײנ אוש אינ דער גובערניע, אונ פונעמ עמעס וועל איך ניט אָפּטרעטנ.

דער טורעמפאלק האָט געוווינט אינ דער טיפ אינ א בארג־שפאלט, אונ ס'איז זײער שווער געווענ צו אימ צוטרעטנ. אפ דער שוועל איז געזעסנ א רויטפיסל, א דעזשורנע, אונ האָט אופגענומענ די געקומענע. דאָס מאָל איז דער דעזשורנע געווענ דאָס רויטפיסל איוואנ איוואנאָוויטש, וואָס איז גוט באקאנט געווענ דער קראָענ־קאָמפאניע. דאָס איז געווענ א בראווער כעווערמאנ, אפנ אויסזענ א גוטמוט־קער, א צוגעלאָזטער, מיט

פײַנע מאַנירן אַפילע. ער האָט ניט פּײַנט געהאַט אַ פלאַפּל און אַ הוליע טאָן ערגעץ אונטער אַ וואָלקנדל, אַ שפּיל טאָן מיט מיידלעך־טענצערקעס און אַמאָל אַפילע אַ טויווע טאָן אַ גוטן ברודער. נאָר די דאָזיקע גאַנצע גוטמוטיקײַט האָט זיך בא אים בלויז געהאַלטן, קאָלומאַן ער איז ניט געווען אָפּ זײַן פּאָסטן. ווי אָבער ער פלעגט נאָר צוטרעטן אויספּילן זײַנע פליכטן, פלעג ער זיך אָפּן שטעל בײַטן. ער פלעג ווערן קאַלט, שטרענג און פּינקטלעך ביז אַכזאָריעס. האָט מען אים געהייסן דעריאָגן — איז דעריאָגט, דערשטיקן — איז דערשטיקט. איז דער פויגל צוויי מאָל אַזוי די גרייס און צוויי מאָל אַזוי שטאַרק ווי ער, גיט ער אַזאַ פלי און אַ קוליע זיך אָפּ אים, אַז יענעם כאַפּט אָן אַנגסטן און ער הייבט אָן באַצײַטנס שרײַען און ציטערן. ביכלאַל, אָפּ די פייגלען, וואָס ער האָט אַמאָל גענומען אין דער אַרבעט, פלעגט אָנפאַלן אַ שרעק, ווי מע פלעגט נאָר זײַן נאָמען דערמאָנען.

— דו האָסט זיך ניט פאַרשלאָפן, אַלטער? — האָט אים איוואַן איוואַנאָוויטש איראָניש באַגריסט.

דער אַלטער ראָב האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז מען שוין די זאַך געוואָרע געוואָרן. בא די פייגל זײַנען אויך פאַראַן אַזוינע שפּיאָנען, דורך וועלכע מע דערגייט ניט נאָר דאָס, וואָס עמעצער טוט, נאָר אויך דאָס, וואָס יענער טראַכט בא זיך אין האַרצן.

— וויפל דאַרף דען אַן אַלטער מאַן אינגאַנצן שלאָפן! — האָט ער אָפּגעענטפערט אַבי אויסדרייען זיך.

— ביסט געקומען דעם עמעס מעלדן? — האָט רויטפּיסל ווײַטער זיך אָנגערופן. — נו, יאָ, אייגנטלעך גערעדט, איז עס דײַן זאַך. איבערגעבן?

— יאָ, טו מיר אַזאַ טויווע.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געטאָן אַ פלי אַרײַן אין באַרג־שפּאַלט און זיך דאָרטן געזאַמט בא אַ שאָ צײַט. דער ראָב האָט די גאַנצע צײַט מיט האַרץ־ציטער געוואַרט אָפּ זײַן אַרויסקומען. ענדלעך, איז ער אַרויסגעקומען.

— מע האָט געהייסן דיר זאָגן, — האָט ער אַרויסגערעדט: — אַז ס'איז ניטאָ קיין צײַט מיט דיר צו בעלעבעטשען. דער עמעס דײַנער איז שוין פון לאַנג אַלעמען באַוווּסט. און ס'ווײַזט אויס, אַז ניט אַלצדינג איז דאָרטן גלאַט אינעם עמעס, וואָס ער קאָן אַליין זעלבסט זיך ניט אָנטפּלעקן. דו ביסט פון דער נאַטור אַן אומרויִקער פאַרשוין. פאַרשפּרייטסט פּוסטע מײַסעס

צווישן אוילעם. מע האָט שוין לאנג דיך געדארפט דערפאר אופּעסן, ביסטו אָבער, פארשטייסטו מיך, אלט, דאר און אויסגעוועפּט. דו קלײַבסט זיך אוואדע צום געגנט־שעפּ פליִען?

— ניין, גאָר, וואָס רעדסטו...—האָט דער ראָב געוואָלט זיך אויסבאהאלטן.

— באהאלט זיך ניט! איך זע דיך אפּ דורך און דורך! מיילע, פלי זיך! זע נאָר, מע זאָל דיר דאָרט פאר דײַן עמעס די אויגן ניט אויספּיקן. זע, קאָרשט, זאָלסט ניט דערלייגן! שא, דו ווייסט, דאכט זיך, דעם וועג אויך ניט; זעסט אָט דאָרטן — א וואָלקנדל, איז אפּ דעם דאָזיקן וואָלקנדל אויבן — דאָרטן איז עס.

כאָטש דאָס רויטפּיסל האָט אים־שלעכט נעוויִעס געזאָגט, דאָך האָט דער ראָב באשלאָסן די זאך דערפירן ביזן סאָפּ. מיט א לאנגן געדרייטן וועג איז ער געפלויגן, גענעכטיקט אין פארלאָזענע כײַישע נאָרעס, געשפּײַזט זיך מיט יאגעדעס, וואָס ער פלעג ווען עס איז אין די בערג געפינען. ענדלעך, האָט ער זיך ארײַנגעשניטן אין א וואָלקן און פאר זײַנע אויגן איז אופגעשטאנען א צויבערלעך בילד.

עטלעכע באנאנד־שטייענדיקע בארג־שפּיצן, באדעקטע מיט שניי, האָבן געפלאמט פון די שטראלן פון דער אופגייענדיקער זון. פונדערווײַטן האָט עס אויסגעזען, ווי א מין לעגענדארער שלאָס, וואָס צופוסנס בא אים ליגן פארגליווערטע וואָלקנס, און דער דאך איז — אומענדלעכער הימלשער בלוי.

דער שוליק איז געזעסן אפּ א פעלדז, ארומגערינגלט מיט א מענגע פארשיידנארטיקע פייגלען. צו זײַן רעכטער האנט איז געזעסן א ווײַסער שפארבער, זײַן געהילפ און ראטגעבער; צופוסנס האָבן אומגעהאוועט טשינאָווניקעס פון פארשיידענע ראנגען; פּאָפּוגײַען, געלערנטע שנייער־לעך און טשיזשיקעס; הינטן האָט א כאָר פון שטארן מיטגעטיילט די אינדערפריִדיקע פּאָטשט; בא א זײַט אפּ א באזונדערן בארג־שפּיץ האָבן געדרעמלט סאָוועס, פּיליִנען און פלעדערמײַז — זיי האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך א מין גובערניִאלן ראט; פונווײַטנס האָט זיך געזען א כאָפּטע קראָען מיט שרײַב־פעדערס הינטער די אויערן... זיי האָבן געקנאקט באַ־פעלן, פאראָרדענונגען, מיטיילונגען און האָבן געהאלטן אין איין גוואַל־דעווען און פּילדערן: יונגינקע הענער! צוויי פאר א צענער!

דער שוליק איז שוין געווען שטאָק אלט און האָט שוין פון אלטקײַט קוים געקענט עפענען דעם פּיסק. ווען דער ראָב איז געקומען און זיך

אראָפגעלאָזנ בא זײַנע פֿיס, האָט ער פּונקט ערשט געווענ אָפּגעגעסנ אונ צומאכנדיק די אויגנ, האָט ער געשאָקלט מיטנ קאָפּ אונ האלב געדרעמלט, ניט געקוקט אפֿנ גאנצנ געררויש אונ געפֿילדער. אָבער דעמ ראָבס קומענ האָט אָנגעמאכט א שטיקל גערודער צווישנ די פֿייגלענ, אונ דער שוליק האָט מאכמעס דעמ אנ עפֿנ געטאָנ די אויגנ.

— האָסט א באקאָשעלע, אלטיטשקער? — האָט ער דעמ ראָב מילד א פֿרעג געטאָנ.

— איכ בינ געקומענ פֿונ זייער ווײַט פֿאר דײַנ הויכגעשעצטקײַט דעמ עמעס מעלדנ! — האָט דער ראָב אָנגעהויבנ פּײַערלעכ, נאָר דער טורעמ־פֿאלק האָט אימ דאָ גלײַכ אָפּגעשטעלט.

— פּראווע ווינציקער ריטאָריק, — האָט ער דעמ ראָב קאלט איבערגע־ריסנ: — דערציילֿ די זאכ, נאָר אָנ פּוצנ — קלאָר, פּראָסט, מיט א סיידער. וואָס ווילסטו?

גענומענ האָט דער ראָב מיט א סיידער ארויסלייגנ זײַנ באקאָשע: דער מענטש פֿארניכט אונ ראָט אויס די קראָענ, די רויטפּיסלעכ, שפּארבערס, טורעמפֿאלקנ דערגייענ די יאָר, די שטײַעונ די אומבעראכמאָנעסדיקע רויבנירנ... אונ איטלעכס מאָל, ווענ ער ענדיקט א פּונקט, גיט דער שוליק א סקריפּע מיטנ פּיסק אונ א מורמל:

— האָסט רעכט, אלטיטשקער!

דאָס הארצ בא דעמ אלטנ ראָב איז מאמעש געוואָקסנ, הערנדיק די דאָזיקע באשטעטיקנדיקע ווערטער. ענדלעכ, — האָט ער זיכ געטראכט: — וועלֿ איכ ארויסקריגנ דעמ עמעס, וואָס פֿונ קלײנווײַז אופֿ האָב איכ נאָכ אימ געבענקט! איכ וועל צודינענ מײַנ פֿאָלק, איכ וועלֿ זיכ שוינ א סטאַ־רע טאָנ פֿונ זײַנעטוועגנ.

אונ וואָס מער עס זײַנענ געפֿלאָסנ זײַנע רייד, האָבנ זיי אלצ פּײַער־דיקער אונ פּײַערדיקער געקלונגענ. ענדלעכ, האָט ער ארויסגעזאָגט אלצ, וואָס בא אימ איז געווענ אפֿנ הארצנ, אונ איז אנשווײַגנ געוואָרנ.

— האָסט אלצ ארויסגעזאָגט? — האָט אימ א פֿרעג געטאָנ דער שוליק.

— אלצ, — האָט געענטפֿערט דער ראָב.

— באמ שפּארבער, באמ טורעמפֿאלק ביסטו געווענ מיט א באקאָ־שע?

— געווענ בא זיי אויכ.

דער ראָבֿ האָט קורצ דערציילט וועגנ זײַנ שמועס מיטנ שפּאַרבער און אויכ וועגנ דעמ, ווי ס׳איז אימ ניט געלונגענ זיכ צו באַגעגענענ מיטנ טורעמפּאַלק.

— איז אָט וואָס איכ וועל מיקויעכ דײַנ עמעס דיר זאָגנ, — האָט זיכ אָנגערופֿנ דער שוליק: — שוינ העכער 200 יאָר, אַז איכ זיצ אַפֿ אָטאָ דעמ פֿעלדז. איז די זונ, כאָטש איכ קוק מיט א זײַט, נאָר איכ זע זי... דעמ עמעס אָבער האָב איכ ביז הײַנטיקנ טאָג נאָכ אינ די אויגנ קיינמאָל א קוק טאָנ ניט געקענט.

— פֿאַרוואָס איז? — האָט שטוינענדיק א קראַקע געטאָנ דער ראָבֿ.

— אָט דערפֿאַר, ווײַל א פֿויגל איז ניט בעקויעכ זעמ עמעס אינ זיכ אַרײַנעמענ. ווער עס האַלט, אַז ער קענ אינ זיכ אַרײַנעמענ דעמ עמעס, דער דאַרפֿ אויספּילנ, וואָס דער עמעס הייסט; מיר קאָנענ ניט אויספּילנ, דערפֿאַר קוקנ מיר אַפֿ אימ קאָסע. מע טראַכט זיכ אַלצ: עפּשער וועט דער עמעס אונדז אויסמײַדנ!

ער האָט זיכ א רעגעלע פֿאַרטראַכט, דער שוליק, און ווײַטער געזאָגט:

— דער שפּאַרבער, ער האָט דיר געזאָגט אַכזאָריעסדיקע רייד, נאָר ריכטיקע. עמעס איז א גוטע זאַכ, אָבער ניט אַלעמאָל און ניט אומעטומ טויג זיכ צו אימ צוהערנ. אייניקע קאָנ ער אַראָפּפֿירנ פֿונ וועג, פֿאַר אַנדערע קאָנ ער קלינגענ, ווי א פֿאָרוואָרפֿ. פֿאַראַנ אַזוינע, וואָס וואָלטנ גערנ דינענ דעמ עמעס, אָבער מיט הוילע הענט קענ מענ גאָרניט מאַכנ! דער עמעס איז ניט קיינ ראָבֿ — פֿאַרנ עק וועסטו אימ ניט אָנכאַפּנ. טו א קוק אַרומ און אַרומ — אומעטומ איז קריג און מאַכלויקעס: קיינער וועט דיר ניט דערקלערנ אַקוראַט, וווהינ און נאָכ וואָס ער גייט... ס׳איז דערפֿאַר, ווײַל איטלעכער האָט זיכ זײַנ אייגענעמ עמעס. ס׳וועט זײַנ אַמאָל א צײַט, ווענ פֿאַר איטלעכער באַשעפֿעניש וועלנ קלאָר ווערנ די גרענעצנ פֿונ דעמ קרײַז, וווּ זײַג לעבנ דאַרפֿ זיכ דרייענ — דעמלט וועט בעמיילע ווערנ אויס קריגערײַענ און אײַנייִנעמ מיט דעמ וועלנ, ווי א רויכ, פֿאַרשווינדנ אַלע קליינלעכע „פּערזענלעכע־עמעסנ“. ס׳וועט זיכ אַנטפּלעקנ אַנ אייניהײַטלעכער און אופּריכטיקער עמעס פֿאַר אַלעמענ; ער וועט קומענ און באַלײַכטנ גאָר די וועלט. און מיר וועלנ לעבנ אינ אַכדעס און אינ ברודערשאַפֿט. אָט אַזוי איז עס, אַלטער! און דערווײַל פּלי זיכ געזונטערהייט און דערקלער די קראָענ דאָרטנ, אַז איכ פֿאַרלאָז זיכ אַפֿ זייער דורכויס, ווי אַפֿ אַנ אײַזערנער פֿעסטונג.



דער קאָרעס — דער אידעאליסט

דער קאָרעס האָט מיטנ יערש זיכ געאמפּערט. דער קאָרעס האָט גע־
זאָגט, אז מע קענ אָפּלעבנ א לעבנ בלויז מיטנ אײנעמ עמעס. דער
יערש האָט געטײַנעט, אז נײנ, מע מוז אביסל אונטערפאלשעווענ. אקר־
ראט, וואָס דער יערש האָט געמײנט מיטנ וואָרט „אונטערפאלשעווענ"—
איז ניט באוווסט, נאָר יעדעס מאָל, ווענ ער פלעג אָט דאָס וואָרט ארויס־
ברענגענ פונ מויל, פלעג דער קאָרעס פונ אָרט אופשפּרינגענ:

— ס'איז דאָכ אָבער נידערטרעכטיק!

דעמ יערשס ענטפער איז געווענ:

— אָט ווערסטו שוינ זענ!

דער קאָרעס איז א פיש א שטילער, איז גענויגט צו אידעאליזמ [1]:
ניט אומזיסט האלטנ פונ אימ די מאָנאכנ א וועלט. ער ליגט זיכ מיינסטנס אפנ סאמע דנאָ פונ טײַכ (דאָרטנ, ווו ס'איז שטילער), אָדער אינ אנ אָזערע אינ שלאמ אײַנגעגראָבנ אונ קריגט פונ דאָרטנ ארויס מיקראָסקאָפּישע מושעלנ פאר זײַנ דערנערונג. נאטירלעכ, אז ליגנדיק אזוי, פאלט אימ עפּעס אײַנ אינ קאָפּ, אמאָל טאקע אנ אפיקאָרסישע זאכ. נאָר אזוי ווי די קאָרעסנ דארפנ די געדאנקענ זייערע אינ צענזור ניט צושטעלנ, אינ פּאָליציע ניט רעגיסטרירנ, נעמט קיינער אונטער קיינ כשאד ניט זייער פּאָליטישע קאָשערקײַט, אונ אויב מיר זעענ יאָ, אז פונ צײַט צו צײַט מאכט מענ אפּ קאָרעסנ אנ „אָבלאווע", איז עס ניט פאר זייער פרײַדענקענ, נאָר דערפאר, ווײַל זיי זײַנענ געשמאק אפנ טאמ.

מיינסטנס כאפּט מענ קאָרעסנ מיט א גרויסער נעצ אָדער מיט א האנטנעצ. קעדיי אָבער דער פישפאנג זאָל געלונגענ, דארפ עס געטאָנ ווערנ מיט קאָפּ. געניטע פישער קלײַבנ זיכ אויס צוליב דעמ די צײַט גלײַכ נאָכ א רעגנ, ווענ דאָס וואסער איז קאלעמוטנע. מע שפּרייט אויס די נעצ אונ מע נעמט קלאפּנ איבערנ וואסער מיט שטריק, מיט שטעקנס — האקלאל, מע מאכט א טומל. אז דער קאָרעס דערהערט א גערודער, מיינט ער, אז דאָס לאָזט מענ צו וויסנ טאָנ וועגנ דעמ טריומפ פונ די פרײַע אידייענ, הייבט ער זיכ אופ פונעמ דנאָ אונ נעמט זיכ נאָכפרעגנ, וויאזוי מאכט מענ, ער זאָל זיכ אויכ קענענ באטייליקנ אינ דער פײַערונג. אונ דאָ טאַקע פאקט ער זיכ ארײַנ אינ פּעסל אונ ווערט א קאָרבנ פונעמ מענטשנס ווילדער פרעסערישקײַט. ווײַל, איכ כאזער איבער, די קאָרעסנ דאָס איז אזא געשמאקער מײַכל (באזונדערס געפּרעגלטע אינ סמעטענע), אז די פאָרשטייער פונעמ אדל זײַנענ מיט דעמ גערנ מעכאבעד אפילע גובערנאטאָרנ.

וואָס איז שײַעכ די יערשנ, איז עס א פיש אזא, וואָס איז שוינ געכאפּט אינ סקעפּטיציזמ [2] אונ איז א שטעכיקער דערצו. ווענ מע קאָכט אימ אָפּ, באקומט זיכ פונ אימ א זעלטנ געשמאקע פיש־יויכ.

גענוי די מײַסע, ווי ס'איז געשענ, וואָס דער קאָרעס מיט דעמ יערש האָבנ זיכ נאָענט באקאנט — ווייס איכ ניט; איכ ווייס נאָר, אז טרעפנדיק

[1]) אידעאליזמ — דאָ ווערט געמיינט: פוסטע כקירעס וועגנ אידעאלנ, אָנ א וואָסער ניט איז קאָנקרעטנ קאמפ פאר אָט די אידעאלנ.

[2]) סקעפּטיציזמ — צווייפל, אומגלויבנ.

זיך איינמאָל, האָבנ זיי זיך גלײַך אַרײַנגעלאָזט אינ א דיסקוסיע. איינמאָל אונ צוויי מאָל אזוי, דערנאָך איז זיי דער איניענ געפעלנ געוואָרנ אונ זיי האָבנ אָפּגעשטעלט א צײַט פאר באַגעגעניש. זיי שווימענ זיך צונויפ ערגעץ אונטער א וואסער־דאָרנ אונ הייבנ אָנ ארויסלייגנ איינער פארנ אנדערנ קלוגע דראָשעס. די פּלאָטיצעס, די ווײַספּײַכלדיקע, וואָס שטיפנ דאָרט דערבײַ, נעמענ זיך דערווײַל אָנ מיט כאָכמע.

דער ערשטער פלעג אָנהייבנ די דיסקוסיע דער קאָרעס.

— איך גלויב ניט, — זאָגט ער: — אז קאמפּ אונ קריגערײַ איז א נאָרמאלער געזעץ, וואָס העלפט מיט דער אנטוויקלונג פונ אלעמ לעבעדיקנ אפ דער ערד. איך גלויב אינעמ פרידלעכנ דערפאָלג, איך גלויב אינ הארמאָניע אונ איך בינ טיפ איבערצײַגט, אז דאָס גליק איז ניט קיינ פוסטע פאנטאזיע פונ טרוימערישע מויכעס, נאָר ס׳איז אזא זאך, וואָס פריער אָדער שפּעטער וועט עס צו שטאנד קומענ אונ וועט פארשפּרייט ווערנ איבער דער גאָרער וועלט.

— זעצ זיך אונ ווארט! — האָט דער יערש פונ אימ געלאכט.

דער יערש פלעג רעדנ קורצ, אומרויִק. ער איז א פיש א נערווערזער, אזעלכער, וואָס האָט, קאָנטיק, אסאך קריוודעס איבערגעטראָגנ. ס׳איז אימ אָנגעזאָלעט אפנ הארצנ... שטארק אָנגעזאָלעט! צו קיינ האס איז עס נאָך דערווײַל־וואָס ניט דערגאנגענ, נאָר בא קיינ נאַיִווּנ בלינדנ גלויבנ האלט עס שוינ ניט.

— איך וועל זיך טאקע דעריִווארטנ! — האָט זיך אָנגערופנ דער קאָרעס: — אונ ניט נאָר איך אליינ, אלע וועלנ זיך דערווארטנ. דער כוישעכ, אינ וועלכנ מיר שווימענ אומ, איז א רעזולטאט פונ א ביטערער היסטאָרישער צופעליקײַט. נאָר אזוי ווי איצט, א דאנק די נײַסטע אויספאָרשונגעני איז די דאָזיקע צופעליקײַט אפ דורכ אונ דורכ שוינ אויסגעקלאָרט, קענ מענ שוינ אויכ די סיבעס, וועלכע האָבנ זי ארויסגערופנ, ניט האלטנ פאר אזוינע, וואָס מע קענ זיי ניט באַזײַטיקנ. דער כוישעכ — דאָס איז א פאקט א געשעענער, אונ די ליכטיקײַט — דאָס איז די צוקונפט די געגארטע. אונ ס׳וועט זײַנ ליכט, ס׳וועט זײַנ!

— הייסט עס, ווערליק דו זאָגסט, וועט אָנקומענ א צײַט, ווענ קיינ העכט וועלנ אפילע גיט זײַנ?

— וואָס פארא העכט? — האָט זיך געוווּנדערט דער קאָרעס, וואָס איז געווענ אפ אזויפיל נאַיִוו, אז ווענ מע פלעגט פאר אימ אינ די אויגנ א

זאָג טאָנ: „אַפּ דערופּ איז דער העכט אינ יאַמ, אַז דער קאָרעס זאָל צי־טערנ“, פּלעגט ער מיינענ, אַז דאָס איז אַ באָבע־מײַסע, ווי די אַלע מײַסעס וועגנ נימפעס אונ וואַסער־מיידלעכ אַפּ אָנצושרעקנ קליינע קינדער, אונ האָט, נאַטירלעכ, דערופּ קיינ אַכט ניט געלייגט.

— אַכ, דו לעקיש איינער! וועלט־פּראָבלעמעס נעמסטו זיכ לייזנ אונ דו ווייסט אַפּילע ניט, אַז ס׳זײַנענ דאָ העכט אַפּ דער וועלט!

דער יערש האָט מיט כויזעק אַ מאַכ געטאָנ מיט די פליס־פּעדערנ אונ זיכ אַוועקגעשווומענ אַהיימ. נאָר אינ אַ קורצער צײַט אַרומ זײַנענ זיי זיכ ווידער ערגעצ אינ אַ שטיל ערטל צונויפגעשווומענ (ס׳איז דאָכ דאָרטנ לאַנגווײַליק אינ וואַסער) אונ ווידער גענומענ דיסקוסירנ.

— די אויבערהאַנט אינעמ לעבנ האָט דאָס גוטס! דאָס שלעכטס,— האָט געטענהט דער קאָרעס,— דאָס איז אַזוי זיכ אַלפּיטאָעס דערלאָזט געוואָרנ; די הויפּט־קראַפט, זעסטו, וואָס מיר האָבנ אַפּ דער וועלט, באַ־שטייט אינ גוטסקײַט.

— זע נאָר היט די קעשענע!

— אַכ, ס׳אַרא ניט פּאַסיקע אויסדרוקנ דו באַנוצסט, יערש! „היט די קעשענע“— וואָס קער זיכ דאָס אָנ אַהער?

— מע וואָלט דיר, אינדערעמעס, גאָר אינגאַנצנ ניט געדאַרפט ענט־פערנ, ווײַל וואָס איז פאַראַנ מיט דיר וואָס צו ריידנ—ביסט אַ לעמעכ!

— ניינ, דו הער בעסער אויס, וואָס איכ וועל דיר זאָגנ. אַז די וועלט האָט זיכ קיינמאָל ניט געהאַלטנ אַפּ קיינ שלעכטס, וועגנ דעמ האָבנ מיר אינ דער היסטאָריע. דאָס שלעכטס האָט שטענדיק געשטיקט, געוואָרגנ, כאָרעוו געמאַכט, אומגעבראַכט מיטנ שווערד, אַוועקגעלאָזט מיטנ פײַער, אונ אַ שאַפּנדיקע קראַפט, זעסטו, איז געווענ נאָר די גוטסקײַט. די גוטס־קײַט איז געווענדעט געווענ אַפּ העלפנ די אונטערדריקטע, זי האָט באַפרײַט פונ קייטנ, פונ פענטעס, האָט געוועבט אינעמ האַרצנ פּרוכטבאַרע געפילנ. ווענ עס וואָלט ניט געווענ אָט דערווירקלעכער לעבנס־פאַקטער, וואָלט ניט געווענ קיינ געשיכטע, ווײַל וואָס איז דענ אַזוינס אינדערעמעסנ געשיכטע? געשיכטע—דאָס איז די באַשרײַבונג פונ דער באַפרײַונג, פונ דעמ טריומפ פונעמ גוטנ אונ פאַרנונפטיקנ איבער דעמ שלעכטנ אונ אומ־זיניקנ.

— אונ דו ביסט, קאַנטיק, דורכויס זיכער, אַז דאָס שלעכטע אונ אומ־

זיניקע איז שוינ געוואָרנ צו שאנד אונ צו שפּאָט,— האָט מיט כויזעק א זאָג געטאָנ דער יערש.

— זיי זײַנענ נאָכ ניט געוואָרנ, נאָר זיי וועלנ ווערנ — אינ דעמ בינ איכ זיכער, אונ איכ וועל זיכ ווידעראַמאָל טאקע פארופנ אפ דער געשיכטע. פארגלײַכ דאָס, וואָס אמאָל איז געוועזנ, מיט דעמ, וואָס מיר האָבנ איצט, אונ דו וועסט גלײַכ מאסקימ זײַנ, אז ניט נאָר דאָס שלעכטס האָט זיכ אויסערלעכ געביטנ, איז ווייכער געוואָרנ, נאָר דער גאַנצער סכומ שלעכטס האָט זיכ באדײַטנדיק פארקלענערט. אָט נעמ כאָטש אונדזער פיש־אוילעמ. פריִער פלעג מענ אונדז כאפּנ אינ אלע צײַטנ אונ אמיינסטנ אינ דער צײַט פונ פיש־גאנג, ווענ מיר קריכנ ווי פארדולטע אליינ ארײַנ אינ די נעצנ. אונ איצט ווערט אנערקענט, אז טאקע אינ דער צײַט פונ פיש־גאנג טאָר מענ אונדז ניט פאנגענ. פריִער, קאָנ מענ זאָגנ, פלעג מענ אונדז פארניכטנ מיט די סאמע בארבארישע מיטלענ. אינ אוראל, דערציילט מענ, פלעג אינ דער צײַט פונעמ באגאָרעווענ [1] אפ גאנצע ווערסטנ דאָס וואסער רויט ווערנ פונ פיש־בלוט. איצט אָבער — אויס. בלויז מיט האנט־נעצנ, מיט וואראָטשעק־נעצנ אונ ווענטקעס — ווײַטער מיט קיינ שומ זאכ ניט! אונ אפילע וועגנ דעמ גייט א רייד אינ די קאָמיטעטנ: וואָס פארא נעצנ? אינ וועלכע פאלנ? צוליב וואָס?

— אונ דיר איז, ווײַזט אויס, גרויסע נאפקעמינע, מיט וואָס פארא מיטלענ מע וועט פונ דיר מאכנ א פיש־יויכ?

— וואָס פאר א פיש־יויכ? — האָט זיכ דער קאָרעס געוווּנדערט.

— אכ, די ערד זאָל דיכ נעמענ! הייסט קאָרעס אונ האָסט וועגנ פיש־יויכ ניט געהערט? וואָס פאר א רעכט האָסטו וויבאלד אזוי מיט מיר גאָר צו ריידנ? אפ צו פירנ א דיסקוסיע, ארויסזאָגנ א מיינונג דארפ מענ דאָכ וויניקסטנס אפריִער זיכ באקענענ מיט די אומשטענדנ פונ דער זאכ. וועגנ וואָס רעדסטו, אייגנטלעכ, אויב דו ווייסט אפילע ניט אזא פּראָסטנ עמעס, אז איטלעכער קאָרעס איז צוליב דעמ געשאפנ, אז מע זאָל פונ אימ מאכנ ווענ ניט איז א פיש־יויכ? א פשיק... איכ וועל דיכ דער־שטעכנ!

דער יערש האָט אָנגעשטעלט זײַנע שטעכלקעס, אונ דער קאָרעס, אפ וויפל זײַנ צעקראַכנקײַט האָט אימ נאָר דערלויבט, האָט זיכ גיכ אראָפּ־

[1] באגאָרעווענ — אזא אופנ פונ כאפּנ פיש מיט דער הילפ פונ א לאנגנ שטעקנ מיט א האטשיק באמ שפּיצ.

געלאָזנ אפנ דנאָ. נאָר אינ א מעסלעס ארומ זײַנענ די כאוויריִמ־קעגנער זיכ ווידער צונויפעשוומענ אונ פארפירט א נײַעמ געשפרעכ.

— די טעג האָט צו אונדז אינ בוכטע ארײַנגעקוקט דער העכט, — האָט געמאָלדנ דער יערש.

— דער זעלבער, וועגנ וועלכנ דו האָסט א נומלטנ דערמאָנט?

— נו יאָ. ער איז צוגעשוומענ, ארײַנגעקוקט אונ זיכ אָנגערופנ: „עפעס איז מיר דאָ שטארק שטיל! דאָ זײַנענ מיסטאמע, סאָרעסנ פאראנ“... אונ איז זיכ אוועקגעשוומענ.

— וואָס־זשע זאָל איכ איצט טאָנ?

— מאכ זיכ גרייט — אונ גאָר. אונ אז ער וועט קומענ צו שווימענ אונ אָנשטעלנ אפ דיר זײַנע אויגאנעס, איז נעמ גוט צונויפ די ליסקעס מיט די פליס־פעדערנ אונ קריכ ארײַנ גלײַכ צו אימ אינ פיסק ארײַנ.

— פארוואָס דארפ איכ עפעס קריכנ? ווענ איכ וואָלט אינ עפעס שולדיק געוועננ...

— דײַנ שולד באשטייט אינ דעמ, וואָס דו ביסט א נאר, דערצו ביסטו א פעטער. אונ א נארישנ אונ א פעטנ האָט גאָט אליינ געהייסנ קריכנ דעמ העכט אינ פיסק ארײַנ.

— אזא געזעצ איז אינ דער וועלט ניטאָ! — איז דער קאָרעס געוואָרנ שטארק אופגעבראכט: — דער העכט האָט אויכ ניט קיינ רעכט גלאט אזוי אינ דער וועלט ארײַנ נעמענ אונ אײַנשלינגענ, ער דארפ אפריער א דערקלערונג פאָדערנ. איז אָט וועל איכ אימ געבנ צו פארשטיינ, איכ וועל אימ דעמ גאנצנ עמעס ארויסלייגנ אזוי, אז עס וועט אימ טרעפנ אינ דער זיבעטער ריפ...

— איכ האָב שוינ דיר געזאָגט איינמאָל, אז דו ביסט א לעקיש אונ איצט זאָג איכ דיר ווידער: ביסט א לעקיש! אונ נאָכאמאָל א לעקיש! אונ ווידעראמאָל א לעקיש!

דער יערש איז טאקע אפ אנ עמעס אינ קאס געוואָרנ אונ האָט זיכ געגעבנ דאָס וואָרט מער קיינ כאווערשאפט ניט פירנ מיטנ קאָרעס. נאָר אינ א פאָר טעג ארומ מע טוט א קוק — אהא! זיי האָבנ זיכ שוינ ווידער באגעגנט — די געווינשאפט טוט זיכ אירס...

— אָט וועננ אלע פיש זאָלנ צוישנ זיכ מאכנ איינ האנט... — האָט סוידעספול אָנגעהויבנ דער קאָרעס.

נאָר דאָ האָט דעמ יערש גופע אָנגעכאפט א ציטער. „וואָס פאר א

שמועסן פארפירט ער עס, דער טיפּעש, — האָט ער א טראכט געטאָן: — אזויווי דו זעסט אים, וועט ער נאָך עטעס א פּלוידער טאָן, און דאָ ער־געץ ניט ווײַט שפּאַצירט ארום דער קאַרפּ. טוט א קוק, ער האָט פארקע־רעוועט די איגנ אָן א זײַט, ווי ס'גייט אים קלוימערשט ניט אָן, און אינדערעמעסן הערט ער זיך גאנץ גוט צו״.

— פּלאפּל ניט אפּ א קאָל ווענג אלץ, וואס דיר קומט ארופ אפן געדאנק, — האָט ער מיטן קאַרעס אײַנגעטײַנעט: — ניטאָ וואס צו צעעפענען א מויל. דאָס, וואָס מע דארף, קען מען זאָגן אויך אינדערשטיל.

— איך וויל זיך ניט שושקען, — האָט דער קאַרעס געלאסן ווײַטער פאָרגעזעצט: — איך זאָג אָפן, אז ווען אלע פיש זאָלן צווישן זיך מאכן איין האנט, איז דעמלט...

דער יערש האָט דעם פרײַנט זײַנעם גראָב איבערגעשלאָגן.

— מיט דיר צו רעדן דארף מען זיך פריער אָנעסן מיט באָב! — האָט ער זיך צעשריגן אפן קאַרעס, און גיך אָפּטראָגנדיק זיך, איז ער אוועקגעשווומען צו זיך אהיים.

ס'איז אים אי א פארדראָס געווען, אי ער האָט ראכמאָנעס געהאט אפן קאַרעס. כאָטש ער איז א נאר, דער קאַרעס, פונדעסטוועגן איז ער דער איינציקער, מיט וועמען מע קען אויסריידן א פּאָר ווערטער. ער וועט ניט אויספּלאפּלען, ניט פאראטן — בא וועמען נאָך איז הײַנטיקע צײַטן פאראנען אזוינע מײַלעס? די צײַט איז איצט ניט קיין זיכערע — א צײַט, וואָס אפילע אפ אייגענע טאטע־מאמע איז שווער זיך צו פארלאָזן. אָט נעמט די פּלאָ־טיצע, כאָטש אזוי, וואָס קען מען, דאכט זיך, ווענג איר זאָגן שלעכטס, און פונדעסטוועגן וועט זי דיר, אזויווי דו זעסט זי, א פּלוידער טאָן! פון קאַרפּן, יאָזן, שלײַענס און דער איבעריקער פיש־מישפּאָכע איז שוין אָפּגערעדט: פאר א ווערעמל זײַנען זיי גרייט זיך צו שווערן בא וואָס הייליק איז! אָרעמער קאַרעס נעבעך! אומזיסט־אומנישט וועט ער צווישן זיי אומקומען.

— דו גיב נאָר א קוק אפ זיך, — האָט ער צום קאַרעס געזאָגט: — אָט, די שאָ זאָל גאָרניט זײַן, מיט וואָס קענסטו זיך פארטיידיקן? דער בויך איז בא דיר א גרויסער, דער קאָפּ א קליינער, א קאָפּ ניט קיין איבערגעשפּיצטער, דאָס מויל — א ברעקל. אפילע די ליכקע, וואָס אפ דיר, איז אויך ניט קיין ערנסטע. ביסט ניט קיין רירעוודיקער, ביסט ניט קיין ספּריטנער — ביסט א לעמעשקע: ווער עס וויל, קען נעמען און דיך אופעסן!

— פאַרוואָס קומט מיך אופּעסן, אַז איך האָב זיך מיט גאָרנישט ניט פאַרזינדיקט? — האָט אַלץ געטײַנעט אײַנגעשפּאַרט דער קאָרעס.

— הער אויס, דו נאַרישע באַשעפעניש! מע עסט דען אויף „פּאַר עפּעס"? מע עסט דען אויף דערפאַר, ווײַל מע וויל באַשטראָפן? מע עסט אויף דער־פאַר, ווײַל מע וויל עסן — און ניט מער. און דו, דאַכט זיך, ביסט אויך אַ בעריע אַף קײַען. ניט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן גראָבסטו מיטן נאָז אין שלאַם. כאַפּסט מושעלן. זיי, די מושעלן, ווילן, נעבעך, לעבן, און דו, לע־מעך איינער, פון פרי ביז נאַכט שטאָפּסטו אָן מיט זיי דעם בויך דײַנעם. און, זאָג: וואָס פאַר אַ זינד זײַנען זיי קעגן דיר באַגאַנגען, וואָס יעטווידע רעגע רופסטו אויס אַף זיי דעם טויט? געדענקסט, דו האָסט אַנומלטן געזאָגט: „אָט וועגן אַלע פיש זאָלן מאַכן צווישן זיך איין האַנט"... וואָס וואָלט טאַקע געווען, ווען אַלע מושעלן מאַכן צווישן זיך איין האַנט, — עס וואָלט דיר געווען גוט, לעקעש איינער, צו לעבן אַף דער וועלט?

די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אַזוי אָפן און אַזוי אומאַנגענעם, אַז דער קאָרעס האָט זיך פאַרשעמט און איז עטוואָס רויט געוואָרן.

— נאָר מושעלן — דאָס איז דאָך... — האָט ער אין פאַרלעגנהייט אַ וואָרטשע געטאָן.

— מושעלן זײַנען מושעלן און קאָרעסן זײַנען קאָרעסן. די מושעלן זײַ־נען אַ געשמאַקער מײַכל פאַר די קאָרעסן און די קאָרעסן — פאַר די העכט. אי די מושעלן זײַנען ריין פון זינד, אי די קאָרעסן זײַנען גאָט די נעשאָמע שולדיק, נאָר סײַ די, סײַ יענע דאַרפן שטענדיק זיך ריכטן... הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד מעגסטו וועגן דעם טראַכטן, וועסטו קיין אַנדער זאַך ניט צוטראַכטן.

נאָך די דאָזיקע רייד דעם יערשס האָט דער קאָרעס זיך באַהאַלטן אַפּן סאַמע דנאָ פון זומפּ און גענומען טראַכטן. ער האָט געטראַכט און גע־טראַכט, און דערווײַל זיך מושעלן געשלונגען. און וואָס מערער ער שלינגט, אַלץ מער גלוסט זיך אים. ענדלעך, האָט ער זיך פאָרט דערט־ראַכט.

— איך עס די מושעלן ניט דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען באַגאַנגען אַ זינד — דאָס האָסטו ריכטיק געזאָגט, — האָט ער דערקלערט דעם יערש: — איך עס זיי, די מושעלן, דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען פון דער נאַטור מיר צוגעשיקט געוואָרן פאַר אַ מײַכל.

— ווער האָט עס דיר אַזוינס געזאָגט?

— קיינער האָט מיר ניט געזאָגט — אַלײנ מיט מײַנ אײגענעמ סײכל בינ איכ צו דעמ דערגאַנגענ. די מושעלנ האָבנ ניט קײנ נעשאָמע, נאָר דאַמפּ; דו עסט זײ, אונ זײ באַגרײַפֿנ עס אַפֿילע ניט. אונ עפּעס זײַנענ זײ אַזוי געבויט, אַז אינ קײנ פֿאַל איז ניט מעגלעכ זײ ניט אײַנשלינגענ. דו נעמסט אָנ אַ פּיסק מיט וואַסער — אַהאַ, אינ בויכ איז שוינ פֿול מיט מור־שפּעלנ. אַז איכ כאַפּ זײ גאָרניט, זײ קריכנ אַלײנ אינ מויל אַרײַנ. נו, אונ אַ קאָרעס, זעסטו — דאָס איז שוינ גאָר עפּעס אַנדערש. ס'איז פֿאַראַנ, בּרור־דערקע, קאָרעסנ, וואָס האַלטנ צענ ווערשקעס די לענג. מיט אַזאַ פֿאַרשוינ דאַרפֿ מענ פֿריִער אַ־שמועס טאָנ, אײדער מע נעמט זיכ אימ אופּעסנ, סײַדנ ווענ ער טוט אָפּ אַ מיִעסע זאַכ — נו, דעמלט, פֿאַרשטײט זיכ...

— אָט, ווענ דער העכט וועט דיכ אײַנשלינגענ, וועסט שוינ דעמלט וויסנ גראַדע, וואָס דו האָסט צו טאָנ. אונ דערווײַל וואָלט גלײַכער געווענ, דו זאָלסט צושווײַגנ.

— נײנ, איכ קלער אַפֿילע ניט שווײַגנ. באָטש קײנ העכט האָב איכ אָפּ מײַנ לעבנ ניט געזענ, נאָר לויט דעמ, וואָס איכ האָב געהערט זאָגנ וועגנ זײ, איז בײַ זײ אויכ ניט קײנ פֿאַרשטאָפּטע אויערנ פֿאַרנ עמעס. זאָג מיר, איכ בעט דיכ: ס'איז דענ מעגלעכ, אַז אַזאַ אומרעכט זאָל געשענ! עס ליגט זיכ אַ קאָרעס, טשעפּעט קײנעמ ניט, אונ פּלוצעמ, קײנער ווײסט ניט פֿאַר וואָס אונ פֿאַר ווענ פֿאַלט ער אַרײַנ צומ העכט אינ בויכ אַרײַנ! איכ קענ עס ניט גלויבנ בעשומויפֿנ אינ דער וועלט.

— דו גלאָמפּ אײנער, אַנומלטנ האָט דאָכ אַ מאָנאַכ פֿאַר דײַנע אויגנ אַרויסגעצויגנ פֿונעמ טײַכ צוויי פֿולע האַנט־נעצנ מיט אײַערע לײַט... וואָס מײנסטו וועט ער מיט זײ טאָנ — ער וועט זיכ שפּיגלענ אינ זײ?

— איכ ווײס ניט. וואָס מיט די דאָזיקע קאָרעסנ איז געשענ, קאָנ מענ נאָכ אַקוראַט ניט וויסנ: ס'קאָנ זײַנ, אַז מ'האָט זײ אופּגעגעסנ, אונ ס'קאָנ זײער שײנ זײַנ, אַז מ'האָט זײ אַרײַנגעוואָרפֿנ אינ סאַזשעלקע, אונ זײ לעבנ זיכ דאָרט אַ זיס לעבנ אָפּ גרײטע קעסט.

— נו, אויב אַזוי, איז לעב זיכ דיר ווײַטער אַזוי, גרויסער העלד מײַנער!

אַזוי האָבנ זיכ געצויגנ טעג נאָכ טעג די דיסקוסיעס צווישנ דעמ קאָרעס מיט דעמ יערש, אונ ס'האָט צו זײ קײנ סאָפּ ניט גענומענ.

— מע דאַרפֿ, אַז די פֿיש זאָלנ ליב האָבנ אײנס דאָס צווײטע! — האָט

דער קאָרעס געפּריידיקט: — איינער פאַר אַלע און אַלע נאָר איינעם — אָט דעמלט וועט זײַן די עמעסע האַרמאָניע!

— איך וואָלט געוואָלט וויסן, וויאַזוי וועסטו מיט דער ליבע דײַנער צום רעכט צוקומען! — האָט אים אָפּגעקווילט דער יערש.

— איך וועל צוקומען, ברודער! — האָט זיך דער קאָרעס געהאַלטן בײַם זײַניקן. — איך ווייס אַזוינע ווערטער, אַז יעדער רעכט וועט בײַ מיר פאַר איין מינוט אַ קאָרעס ווערן!

— אַנו, זאָג נאָר!

— כ׳וועל אים פּאָשעט און פּראָסט אַ פרעג טאָן: רעכט, דו ווייסט וואָס אַזוינס טוגנט איז, און וואָס פאַר אַ פליכטן זי לייגט אַרויף, ווי צו באַגיין זיך מיט נאָענטע?

— אָ, דערהאַרגעט אַף טויט! זילסט, וועל איך דיך פאַר אָט דער קלוגער פראַגע מיט מײַנע שטעכלקעס דעם בויך דײַנעם דורכשטעכן.

— ניין, ניין! איך בעט דיך, טרײַב ניט קיין שפּאַס מיט אַזוינע זאַכן! אָדער אַזאַ שמועס:

— ערשט דאַן וועלן מיר, פיש, פאַרשטיין אונדזערע רעכט, ווען מע וועט פון קליינוויינז אויף אין אונדז דערציִען בירגערלעכע געפילן!

— צו וואָסער שלימאַזל דאַרפסטו האָבן בירגערלעכע געפילן?

— פּאָרט...

— „פּאָרט“ — אָט אין דעם גייט דאָך עס, וואָס די בירגערלעכע געפילן האָבן אַ ווערט נאָר דעמלט, ווען פאַר זיי איז דאָ אַן אָפענע וועלט. וואָס וועסטו אין דער בלאָטע ליגנדיק מיט זיי מאַכן?

— ניט אין דער בלאָטע, נאָר אין אַלגעמיין...

— צום בײַשפּיל?

— צום בײַשפּיל, ווען אַ מאָנאַך וועט פון מיר וועלן מאַכן אַ פיש-יויך, וועל איך אים זאָגן: דו האָסט ניט, פּאָטערל, קיין רעכט אַרופלייגן אַף מיר אַן שום געריכט אַזאַ שרעקלעכע שטראָף!

— און ער וועט דיך פאַר אָט דער האָזע אַף דער סקאָווראָדע אַרופלייגן, אָדער אין הייסן פּריסעק. ניין, פרײַנט! אַף צו לעבן, זעסטו, אין דער בלאָטע דאַרף מען האָבן געפילן ניט פון אַ בירגער, נאָר פון אַ ליי־מענעם גוילעם. באַהאַלט זיך בעסער ערגעץ אין דער געדיכטעניש און ליג און שווײַג, פערדאַטש איינער!

אָדער אזוי גאָר:

— פיש טאָרן מיט קיין פיש זיך ניט שפּייַזן, — האָט דער קאָרעס גע־רעדט ווי פון היץ. — פאַר די־פיש אַפּ צו שפּייַזן זיך האָט די נאַטור אזוי אויך באַשאַפן א מענגע געשמאַקע מאַכאָלים — מושעלן, פליגן, ווערעם, שפּינען, וואַסער־פליי; ענדלעך, קרעפּסן, שלענג, פרעש; און אָט דאָס גאַנצע גוטס איז פון דייַנעטוועגן.

— און פאַר די העכט וועגן זייַנען די קאָרעסן, — האָט אים אויסגע־ניכטערט דער יערש.

— ניין, דער קאָרעס איז ניט פאַר קיינעמס וועגן. אויב די נאַטור האָט אים ניט געגעבן קיין מיטלען אַפּ צו באַשיצן זיך, אזויווי דיר, לעמאָשל, הייסט עס, אַז מע דאַרף אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן געזעץ, וואָס זאָל באַ־וואָרענען זייַן פּערזענלעכקייַט.

— נו, און אויב דער דאָזיקער געזעץ וועט ניט אויסגעפילט ווערן?

— דאַן דאַרף מען פאַרעפנטלעכן אַ דערקלערונג: אזויווי די געזעצן ווערן ניט אָפּגעהיט, הייסט עס, אַז ס׳איז שוין בעסער אינגאַנצן קיין גע־זעצן ניט אַרויסגעבן.

— וועט שוין זייַן רעכט? —

— איך קלער, אַז פאַר אַסאַך וועט עס זייַן אַ ביזויען און אַ שאַנד.

טעג נאָך טעג האָבן זיך אזוי געצויגן, און דער קאָרעס האָט אַלץ גע־בעבעט. אַן אַנדערער אַפּ זייַן אָרט וואָלט דערפאַר געכאַפּט אַ שנאָל אין נאָז, און ער — גאָרניט. ער האָט זיך אָנגעהויבן אזוי איבערנעמען, אַז ער האָט שוין גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, ווו ער האַלט אין דער וועלט. ער האָט זיך אַלץ אזוי אַרייַנגעלאָזט אין פאַנטאַזיעס, ביז איינמאָל איז צו אים פּלו־צעם געקומען דער קאַרפּ מיט אַ יעדיע: מאָרגן באַוויליקט דער העכט אַראָפּקומען אהערצו־צו, איז זע־זשע, קאָרעס, גלייַך קאַיאָר זאָלסטו זיך צושטעלן אָפּגעקעבן דינווערכזשבן!

דער קאָרעס איז דאָך באַ זיך ניט אַראָפּגעפאַלן. ערשטנס, האָט ער וועגן העכט זיך אָנגעהערט אזויפיל פאַרשיידענע זאַכן, אַז ער איז אַליין נייַגעריק געווען מיט אים זיך צו באַקענען; און, צווייטנס, האָט ער גע־ווסט, אַז ער פאַרמאָגט אַזאַ צויבער־וואָרט, וואָס ווען נאָר ער זאָל עס אַרויסזאָגן, ווערט דער סאַמע בייזער העכט גלייַך פאַרוואַנדלט אין אַ קאָ־רעס. און אַפּ דעם דאָזיקן וואָרט האָט ער מאַקע זייער אַסאַך אויסגע־שטעלט.

זעענדיק די דאָזיקע פאַרגלויבטקייט, האָט אפילע דער יערש זיך גע־נומען פאַרטראַכטן, צי איז ער ניט ווייט פאַרגאַנגען אין דער נעגאַטיווער ריכטונג.

עפשער טאַקע אינדערעמעסן וואַרט דער העכט נאָר אף דעם, מ׳זאָל אים ליב קריגן, מע זאָל אים געבן געטרייע אייצעס, אַרײַנטראָגן די ליכט פון אופקלערונג אים אין מויעך אַרײַן? עפשער איז ער גאָר, דע׳ העכט... אַ ווילער? דער קאַרעס אַליין איז, מעגלעך, ניט אַזאַ טאַם, ווי ער־ווײַזט אויס לויטן אויסערלעכן אויסזען זײַנעם, נאָר פאַרקערט, ער בויט זיך, עפשער, זײַן קאַריער באַטראַכט, מיט אַ כעזשבן? אָט מאָרגן וועט ער קומען צום העכט און אים גלייך אַ וואָרף טאָן אין פּאָנעם אַרײַן דעם ריינעם עמעס, וועלכן ער האָט אף זײַן לעבנס טאָג פון קיינעם ניט געהערט, און דער העכט וועט נעמען און זאָגן: אָט דערפאַר, וואָס דו, קאַרעס, האָסט מיר געזאָגט דעם ריינעם עמעס, באַלוין איך דיך מיט אָט דעם שטיק טײַך—זײַ דו איבער אים דער עלטסטער!

אף מאָרגן אינדערפרי איז דער העכט טאַקע געקומען צו דער מינוט. דער קאַרעס קוקט אף אים און וווּנדערט זיך: וואָס פאַרא רעכילעס מע האָט וועגן דעם העכט זיך אָנדערציילט, און ער, דער העכט, איז גאָר אַ פיש ווי אַלע פיש! דער מויל איז נאָר באַ אים ביז די אויערן, און דער אָרגל איז אַזאַ פונקט פאַר אים, פאַרן קאַרעס, ער זאָל אַדורכ־קריכן.

— איך האָב געהערט זאָגן,—האָט זיך אָנגערופן דער העכט:—אַז דו ביסט, קאַרעס, זייער אַ קלוגער און ביסט אַ גרויסער בעריע אף האַלטן רעדעס. ווילט זיך מיר מיט דיר אַ דיספּוט פאַרפירן. הייב אָן!

— איך טראַכט מיינסטנס וועגן גליק,—האָט באַשיידן, נאָר מיט ווערדע געענטפערט דער קאַרעס:—אַז ניט איך אַליין, אַז אַלע זאָלן זײַן גליקלעך, אַז אַלע פיש אין אַלע וואַסערן זאָלן זײַן פרײַ צו שווימען, און אויב אַ וועלכן סיניט איז פיש וועט זיך פאַרגלוסטן זיך אײַנירוען אין בלאָטע, איז זאָל ער זיך ליגן אין בלאָטע.

— המ... און דו מיינסט, אַז אַזוינס איז אַ מעגלעכע זאַך?

— ניט נאָר איך מיין, נאָר אַלע מינוט ריכט איך זיך אָפּ דעם.

— ד׳ים בײַשפּיל, איך שווים און באַנאַנד מיט מיר... אַ קאַ־רעכ?

— טאָ וואָס־זשע איז?

— אַז ערשטנס מאָל הער איך עס... און אויב איך וועל זיך אויסקערעווען און דעם קאָרעס... אופעסן?

— ניטאָ אזא געזעץ, אײַער עקסעלענץ, דער געזעץ זאָגט אָפּן: מושעלן, מוקן, פליגן און פליגעלעך — דאָס זאָל זײַן די דערנערונג פון די פיש. און אויסער דעם זײַנען אין פאַרשיידענע שפּעטערדיקע אָנווײַזונגען פאַרעכנט געוואָרן פאַר שפּײַז: וואַסער־פליי, שפּינען, ווערעם, זשוקעס, פרעש, קרעפּסן און אַנדערע וואַסער־באַשעפעניש. נאָר ניט קיין פיש.

— דאָס איז ווינציק פאַר מיר. קאַרפּ! זאָג נאָר, ס׳איז טאַקע פאַראַן אַזאַ געזעץ? — האָט זיך א ווענד געטאָן דער העכט צום קאַרפּ.

— א שוין־פאַרגעסענער, אײַער עקסעלענץ, — האָט זיך בעריעש אויסגעדרייט דער קאַרפּ.

— איך האָב עס טאַקע געוווּסט, אַז אַזאַ געזעץ קען ניט געמאָלט זײַן. נו, און אַף וואָס נאָך ריכטסטו זיך יעדע מינוט?

— און נאָך ריכט איך זיך, אַז די גערעכטיקייט וועט טריומפירן. די שטאַרקע וועלן ניט דריקן די שוואַכע, די רײַכע — די אָרעמע. אַז אָט וועט אויפקומען אַזאַ אַלגעמיינע זאַך, וואָס אַלע פיש וועלן אַף דעם קוקן ווי אַף זייער אינטערעס, און יעדערער וועט טאָן דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך פון אים. דו, העכט, ביסט דער שטאַרקסטער און פלינקסטער פון אַלעמען, וועסטו אַף זיך נעמען אויך א גרעסערן טייל אַרבעט. און מיר, דעם קאָרעס, וועט אָנגעוויזן ווערן א באַשיידענע אַרבעט, לויט מײַנע באַשיידענע פעיקײַטן. יעדער פאַר אַלע, און אַלע פאַר יעדערן — אָט ווי אַזוי עס וועט זײַן. ווען מיר וועלן זיך פעסט האַלטן איינער פאַרן אַנדערן, וועט אונדז שוין קיינער אין זאַק ניט קענען פאַרנאַרן. וועט זיך נאָר ערגעץ באַווײַזן א נעץ, וועלן מיר גלײַך מאַכן די פּלייטע: ווער אונטער א שטיין, ווער אָפּן סאַמע דנאָ אין שלאַם, ווער אין א הייל אָדער אונטער א קלאָץ, און סיוועט, ווי מיר דאַכט, אויסקומען זיך אָפּזאָגן פון פיש־יויך!

— דאָס ווייס איך ניט. די מענטשן זײַנען ניט גאָר קיין גרויסע באַלאָנים זיך אָפּזאָגן פון דעם, וואָס זיי האַלטן פאַר געשמאַק. נו, דאָס איז א מײַסע אַף ווייס איך ווען! נאָר אָט וואָס: דו האַלטסט, הייסט עס, אַז איך וועל אויך דאַרפן אַרבעטן?

— דו אויך, פּונקט ווי אַלע.

— אַז ערשטנס מאָל הער איך אַזוינס. גיי שלאָף זיך אויס.

צי האָט ער זיך אויסגעשלאָפן, דער קאָרעס, צי ניין — אַלנפאַלס, קיין

סײכל איז אים ניט צוגעקומען. ארום האלבן טאָג איז ער װידער געקומען אפן דיספוט און ניט בלויז ער האָט זיך ניט דערשראָקן — ער איז נאָך געװען אסאך האָפערדיקער װי פריִער.

— קלערסטו, אז איך װעל ארבעטן און דו װעסט געניסן פון מײַן מי? — האָט אים אָפן א פרעג געטאָן דער העכט.

— אלע אײנער פונעם צװײטן... פון דער אלגעמײנער, פון דער געמײנזאמער מי...

— איך פארשטײ: „אײנער פונעם צװײטן"... און, אגעװ, אויך פון מיר... המ! איך קלער, פונדעסטװעגן, אז דו רעדסט ניט קײן פּײַנע רײד. קארפּ! װי הײסן זײ, אזעלכע רײד, אפן הײַנטיקן לאָשן?

— ציציליזם, אײַער עקסעלענץ!

— איך האָב טאקע אזוי געקלערט, אז דאָס איז עס. שוין א שטיק צײַט, אז איך הער: דער קאָרעס פארנעמט זיך מיט בונטארישע רעדעס! טראכט איך מיר: לאָמיך אלײן א הער טאָן מיט מײַנע אויערן... לאָזט זיך אויס אָט א װעלכער דו ביסט!

ארויסזאָגנדיק דאָס, האָט דער העכט אזוי אויסדריקלעך א פּאטש געטאָן מיטן עק איבערן װאסער, אז װי טאמע װאטע דער קאָרעס איז ניט געװען, האָט ער זיך דאָך אָנגעשטויסן.

— איך, אײַער עקסעלענץ, מײן גאָרניט, — האָט ער דערשראָקן געשטאמלט: — דאָס נעמט זיך פון דער פּראָסטקײַט מײַנער...

— יאָ, יאָ, פּראָסטקײַט, זאָגט מען, איז ערגער פון גנײװע. װען מע זאָל לאָזן די נאראָנים, װאָלטן זײ אלע קלוגע פון דער װעלט אומגעבראכט מ'האָט מיר אָנדערצײלט פון דיר גאנצע פּעק, און דו ביסט זיך א קאָרעס װי אלע קאָרעסן — ניט מער. איך שמועס מיט דיר עפּשער קוים פינף מינוט און דו האָסט מיר שוין דערעסן ביז צום טויט.

דער העכט האָט זיך פארקלערט און האָט עפּעס אזוי געהײמניספול א קוק געגעבן אפן קאָרעס, אז יענער האָט שוין אינגאנצן פארשטאנען. נאָר דער העכט איז נאָך, װײַזט אויס, נאָכן נעכטיקן אָנפרעסן זיך געװען זאט און דערפאר האָט ער א גענעץ געטאָן און גלײַך אָנגעהויבן כראָפּען.

נאָר דאָסמאָל איז דעם קאָרעס שוין ניט אָפּגעגאנגען אזוי גלאט. װי נאָר דער העכט איז אנשװיגן געװאָרן, האָבן אים ארומגערינגלט קארפּן פון אלע זײַטן און אים גענומען אונטער א װאך.

פארנאכט, די זון האָט נאָך ניט באװיזן זיך זעצן, איז דער קאָרעס

דאָס דריטע מאָל געקומענ צום העכט אפּ א דיספּוט. נאָר געקומענ איז ער שוינ אונטער א וואַכ און דערצו עטוואָס א צעשעדיקטער. נעמלעכ: אפנ פאַרהער האָט אים דער שלײַענ צעביסנ דעם רוקנ א.׳ א שטיק עק.

נאָר דער קאָרעס איז נאָכ אלצ באַ זיכ ניט אראָפּגעפאַלנ, ווײַל ער האָט נאָכ געהאַט אינ רעזערוו דאָס מאגישע וואָרט.

— כאָטש דו ביסט מיר א קעגנער, — האָט ווידער דער ערשטער אָנגעהויבנ דער העכט: — נאָר, זעט אויס, אז ס'איז שוינ באַ מיר א שוואכקײַט אזא: איכ האָב ליב דיספּוטנ, א שרעק! איז אינ א גוטער שאָ, הייב אָנ!

דערהערט אָט די ווערטער, האָט דער קאָרעס דערפילט, אז דאָס הארצ האָט זיכ אינ אים צעפלאַמט. פאַר איינ מינוט האָט ער אײַנגעצויגנ דעם בויכ, א צאַפּל געטאָנ, א פאַטש געגעבנ מיטנ רעשטל עק איבערנ וואסער און, קוקנדיק דעם העכט גלײַכ אינ די אויגנ ארײַנ, האָט ער מיט אלע קויכעס א געשריי געטאָנ:

— דו ווייסט, וואָס איז אזוינס טוגנט?

דער העכט האָט דאָס מויל צעעפנט פאַר פאַרווונדערונג, אווטאָמאטיש האָט ער וואסער א זופּ געטאָנ און, ניט האָבנדיק גאָר בעדייע אײַנצושלינגענ דעם קאָרעס, האָט ער אים אײַנגעשלונגענ.

די פיש, וואָס זײַנענ בײַגעווענ באַ דער דאָזיקער געשעעניש, זײַנענ אפּ א רעגע געבליבנ געפּלעפט, נאָר באַלד זײַנענ זיי צו זיכ געקומענ און צוגעשווומענ צום העכט — געווירע ווערנ, צי איז אים וויל באַקומענ די וועטשערע, צי האָט זיכ אים ניט געשטעלט אינ האלדז. און דער יערש, וואָס האָט דאָס אלצ פאָרויסגעזענ און פאָרויסגעזאָגט, איז ארויסגעשווומענ פאָרויס און האָט פײַערלעכ אויסגעשריגנ:

— אָט ווי אונדזערע דיספּוטנ זעענ אויס!



דער האָז מיטנ קלאָרנ פֿאַרשטאנד

דאָס איז געווענ א געוויינלעכער האָז, נאָר זייער א גרויסער כאָכעם. געדענקט האָט ער אזוי קלוג, אז אײזלענ האָבנ אימ געמעגט מעקאנע זײַנ. זײַנ טעווע פֿלעג זײַנ: זיכ פֿארקלײַבנ אונטער א קוסט, מע זאָל אימ ניט אַרויסזענ, אונ שמועסנ מיט זיכ אלײנ.

— יעדער כײַע, — זאָגט ער: — ווערט געגעבנ אזא לעבנ, ווי איר קומט. דעמ וואָלפֿ — א לעבנ פֿונ א וואָלפֿ, דעמ לײבֿ — א לעבנ פֿונ א לײבֿ אונ דעמ האָז — א לעבנ פֿונ א האָז. עס געפֿעלט דיר יאָ, צי עס געפֿעלט דיר ניט — קײנער פֿרעגט בײַ דיר ניט: לעב זיכ אונ א סאָפֿ. אנ אונדזעריקנ,

4—738

א האָז, אשטייגער, בטארענ זיכ אלע פארצוקנ. האָבנ מיר, דאכט זיכ, א גרונט צו קומענ זיכ באקלאָגנ דערופ? פונדעסטוועגנ, אויב מע זאָל די זאכ באטראכטנ מיט סייכל, איז א גרויסע פראגע, צי אזא מינ סאָרט אָנקלאגע קענ מענ האלטנ פאר ריכטיק. ערשטנס, דער, וואָס פארצוקט, ווייסט, פארוואָס אונ צוליב וואָס ער פארצוקט, צווייטנס, ווענ די אָנקלאגע אונדזערע זאָל אפילע זיינ א ריכטיקע, וועט מענ אונדז סײַווי ניט אופהערנ כאפנ אונ עסנ. מער, וויפל מע דארפ, וועט מענ אונדז ניט עסנ, אונ וויפל מע דארפ — וועט מענ אונדז אומבאדינגט אופעסנ. די סטאטיסטישע טאבעלנ, וואָס ווערנ ארויסגעגעבנ בא דעמ אינערנ־מיניסטער...

דאָ פלעגט דער האָז געוויינלעכ אײַנשלאָפנ, ווײַל די אייגנשאפט פונ דער סטאטיסטיק איז שוינ געווענ אזא, אז דער האָז פלעג פונ איר אָנווערנ דעמ באוווסטזײַנ. אויסגעשלאָפנ זיכ אָבער, האָט ער זיכ ווידער גענומענ בקירענ.

— מע עסט אונדז אונ מע עסט, אונ מיר, האָזנ, פרוכפערנ זיכ אונ מערנ זיכ יעדער יאָר אלצ מער. פונ דעמ איז געדרונגענ, אז מיר, האָזנ, זײַנענ אויכ ניט קיינ טיפשימ. אנו, טו א קוק סײַ זומער, סײַ ווינטער אפ דער לעוואדע — האָזנ האלטנ אינ איינ ארומשפרינגענ אהינ אונ אהער. אונ אז מיר פארקלײַבנ זיכ אינ קרויט, אינ האָבער אָדער מיר כאפנ זיכ צו צו יונגע עפלביימער, קאָנענ מיר, אייגנטלעכ, אזוינס אָפטונ, אז מע זאָל אונדז אויכ האָבנ צו געדענקענ. יאָ, אויכ אפ אונדז, האָזנ, דארפ מענ גאנצ גוט אכטונג געבנ. ניט אומזיסט שרײַבט זיכ אינ די טאבעלנ, וואָס ווערנ ארויסגעגעבנ באמ אינערנ־מיניסטעריומ...

ווידער שלאָפ, ווידער אופגעכאפט זיכ אונ — ווידער געדאנקענ פונ האָזישנ סייכל האיאָשער. אָט די קלוגע בקירעס האָבנ בא דעמ האָז קיינ סאָפ אונ קיינ עק ניט געהאט. דאָ אזא אײַנפאל, דאָ אזא מינ סוואָרע — אונ אלצ פלעג בא אימ ארויס גוט.

איינמאָל איז ער אזוי געזעסנ אונטער א קוסט, אונ ס'איז אימ אײַנגעפאלנ א בראוויר טאָנ פאר דער האָזיכע מיט זײַנ סייכל האיאָשער. האָט ער זיכ אוועקגעשטעלט אפ די הינטערשטע לאפקעס, אפנ שפיצ קאָפ די אויערנ אָנגעשטעלט, מיט די פעדערשטע פיסלעכ גענומענ מאכנ קונציקע פיגורנ אונ פונעמ מויל האָבנ זיכ בא אימ גענומענ שיטנ ווערטער, ווי ארבעס.

— מיר, האָזנ, — האָט ער אָנגעהויבנ: — מיר קאָנענ זיכ, אייגנטלעכ, אָפּלעבנ גאָר א ווויל לעבנ. בא אונדז איז פאראנ כאסענעס, בא אונדז איז פאראנ טענצ, יאָנטעוו טרינקענ מיר ביר, אז מיר ווילנ, צעשטעלנ מיר וועכטער אפ צענ ווערסט ארומ אונ מיר פילדערנ. איז א וואָלפ דערהערט דעמ טומל אונ קומט צולויפנ: „ווער האָט עס געזונגענ?...“ איז פארשטייט זיכ, — ווער ווהינ עס קענ! האָסט באוויזנ אָפּציִענ די ביינער — איז פּראווע זיכ ווידער א יאָנטעוו; אניט — וועט ער דיכ אופעסנ, דער וואָלפ — א פאקט! דערצו קענ מענ גאָרניט מאכנ. ריכטיק, האָזיכע?

— אויב ס'איז נאָר ניט קיינ ליגנ, איז דאָס אוואדע עמעס, — האָט געענטפערט די האָזיכע, וואָס אָט דער האָז איז בא איר געוועג שוינ דער צענטער מאנ אונ אלע אירע פריִערדיקע נײַנ מאנענ זײַנעג פאר אירע אויגנ ניט מיט זייער טויט פונ דער וועלט געגאנגענ.

— מע דארפ זאָגנ דעמ עמעס, אז די וועלפ זײַנענ א מיִעס פאָלק! — האָט ער ווײַטער גערעדט, דער האָז. — זיי ליגט נאָר רויב אינ קאָפ. וויפל מאָל האָב איכ געזאָגט אונ אינ די צײַטונגענ געשריבנ: פאני וועלפ! אָנשטאָט גלײַכ מיטאמאָל קוילענ דעמ האָז, איז שינדט נאָר אָפּ פונ אימ דאָס פעלעכל, וועט ער אײַכ אינ א צײַט ארומ נאָכ איינ פעלעכל געבנ! האַגאַמ די האָזנ פּרוכפּערנ זיכ שטארק, פונדעסטוועגנ, אויב מע זאָל נעמענ אונ אויסקוילענ הײַנט איינ טיטשקע האָזנ אונ מאָרגנ א צווייטע — וועט דיר א האָז אפנ מארק אָנשטאָט 20 קאָפּיקעס גלײַכ ווערנ א האלב קערבל! אָט, וועג די וועלפ וואָלטנ אזוי, ווי עס דארפ צו זײַנ, צוקומענ: פאני האָזנ! צי וועט איר ניט זײַנ אזוי גוט הײַנט צומ וואָלפישנ טיש דערלאנגענ האָזנ עטלעכע צענדליק שטיק? — אָ, מיט פארגעניגנ, פאני וואָלפ! עי, סטאראָסטע! אנו, טרײַב זיי נאָר ארויס, די דאָזיקע, וואָס זײַנענ איצט אפ דער ריי! — אונ אלצ וואָלט בא אונדז געווענ געזעצלעכ, ווי עס באדארפ צו זײַנ. אי די וועלפ, אי־די האָזנ — ביידע וואָלטנ געוועג באוואָרנט, סײַ מיר, סײַ איר, סײַ פונ איינ זײַט, סײַ פונ דער צווייטער זײַט... אכ, פאני, פאני!

דער האָז האָט גערעדט־גערעדט אונ שיר זיכ אינגאנצנ ניט פארעדט, נאָר פלוצעמ האָט ער דערהערט ניט ווײַט אינעמ גראָז עפּעס א שאָרכ. ער גוט א קוק — אהא, די האָזיכע האָט שוינ לאנג געמאכט פלייטע, אונ א פוקס, א שמאד־קאָפּ, האָט זיכ צעלייגט אפנ בויכ אונ פויזעט גלײַכ צו אימ, פונקט ווי ער וואָלט זיכ קלײַבנ מיט אימ, מיט דעמ העזל, א שפּיל פארפירנ.

— אכ, ס'ארא קלוגער האָז דו ביסט! — האָט דער פוקס דער ערשטער גענומענ-ריידנ: — בא דיר איז אזא זיס לאָשנ, אז דאָס גאנצע לעבנ וואָלט איכ דיכ גערנ געהערט אונ ס'וואָלט זיכ אלצ נאָכ אונ נאָכ געוואָלט הערנ!

דער האָז איז געוועזנ א קלוגער, דאָכ איז ער די ערשטע רעגע געבליבנ געפלעפט. ער איז שטיינ געבליבנ אפ די הינטערשטע לאפעס, ווי אנ אויס־געמאָלטער, — עס איז שווער געווענ צו זאָגנ — צי ער קוקט זיכ א וועג אויס אפ מאכנ פלייטע, צי ער שטייט זיכ אונ טראכט: אָט האָסטו דיר א געלעגנהייט א קוק צו טאָנ אפ דיינ אייגנ לעבנ מיט אנ עמעטנ סייכל האיאָשער...

— דוווילסט עפעס איינ מויל אריינ, פעטערל? — האָט דער האָז א פרעג געטאָנ, סטארענדיק זיכ ארויסוויזנ וואָס ווינציקער שרעק.

— נו, וואָס רעדסטו! גאָט איז מיט דיר! איכ בינ זאט — איבערנ האלדז! דערנאָכ עפשער, נאָר דערווייל — גאָט באהיט! גוט מאָרגנ דיר, העזל, זיי געגריסט!

דער פוקס האָט אפ א הינטישנ שטייגער זיכ אוועקגעזעצט אונ אויכ דאָס העזל איינגעלאדנ זיכ זעצנ. דער האָז האָט ארונטערגענומענ די פיס־לעכ אונטער זיכ. ארונטערגענומענ אזוי, אונ בקירעט מיט זיכ אליינ: „הייסט עס, ווי איכ האָב זיכ געריכט, אזוי טאקע האָט זיכ עס באקומענ, איטלעכע ביימע האָט זיכ איר לעבנ אפ דער וועלט: דער לייב — א לייביש לעבנ, דער פוקס — א פוקסיש לעבנ, דער האָז — א האָזיש לעבנ. אנו, האָ־זיש לעבנ מיינס, ראטעווע אצינד ארויס!"

אונ דער פוקס, גלייכ ווי ער וואָלט געוווסט דעמ האָזס געדאנקענ, ער זיצט, דער פוקס, אונ האלט איינ אייננ לויבנ דעמ האָז.

— פונ וועלכע קאנטנ ביסטו, אזא פילאָסאָפ, ארויפגעקומענ צו אונדז?

— איכ בינ, פעטערל, ערשט ניט לאנג פונ גאָר ווייט ווי אָנ א קאָפ אהער געקומענ צו פלויגנ. בא זיכ אינ קאנט האָב איכ מיר, קענ מענ זאָגנ, געלעבט זייער גוט. איכ האָב מיר געהאט א מישפאָכע, באלעבאטישקייט אונ דאָס גלייכנ. אפנ הויפ באמ פאָרעצ לעמ די פערד־שטאלנ האָבנ מיר אָפ־געלעבט אינ היי דאָרטנ א גאנצנ ווינטער, א מעכייע; בטאָג פלעגנ מיר שלאָפנ אונ באנאכט — די קליאָנעס, די עפל־ביימער הריזענ. געווענ איז עס שוינ סאמע ערעוו פרילינג, פונקט די צייט, ווענ מע דארפ זיכ שוינ קלייבנ אינ וואלד ארייננ אפ דאטשע, איז צו אונדז אינ היי א וואָלפ ארויפ־געקומענ. „וואָס זיינענ עס דאָ פארא כייעס? מיט וואָס פארא רעכט?

ווער האָט אײַך א דערקוויקענדיש געגעבנ?...״ איכ בינ, דעמ עמעס זאָגנדיק, אנטלאָפנ, נאָר די האָזיכע מיט די העזועלעכ...

— כ׳האָב געהערט וועגנ דעמ. דער וואָלף איז מײַנער א מעכוטנ, האָט ער מיר דערציילט: „אנומלטנ, זאָגט ער, האָב איכ פארצוקט א גאנצע מיש־פּאָכע האָזנ, דער האָז אלײנ אָבער איז אנטלאָפנ, איז עפשער, מעכוטנ, וואָלטנ מיר אימ אײנײנעמ אופגעזוכט?״ ערשט דו ביסט עס טאקע אָט דער האָז. זאָג, דאָס ווײַב האָט דיר באנק געטאָנ, מיסטאמע?

— איכ געדענק שוינ אלײנ ניט. כ׳האָב דערפילט, אז מע דארפ לויפנ — אונ בינ געלאָפנ. געקומענ בינ איכ צו לויפנ אהער אונ געטראָפנ א האָ־זיכע אנ אלמאָנע: קומ, האָב איכ איר געזאָגט, לאָמיר בײדע לעבנ אײנ־נעמ! אונ מיר האָבנ גענומענ אזוי לעבנ. געלעבט האָבנ מיר צווישנ זיכ לײַטיש, ניט צו פארזינדיקנ, אונ איצט איז זי, ווי דו זעסט, אנטלאָפנ אונ איכ בינ געבליבנ.

— אכ, ס׳ארא ביטער הארצ דו ביסט, נעבעכ! ווארט אויס, לאָמיר זי נאָר פאקנ.

דער פוקס האָט א גענעצ געטאָנ, פונ דער גרינג א ביס געטאָנ דעמ האָז אינ לאָפּעטקע (דער האָז האָט זיכ געמאכט ניט ווינסדיק), זיכ אוועק־געלייגט מיט א זײַט, דעמ קאָפּ פארוואָרפנ אונ גענומענ זשמורענ מיט די אויגנ.

— זע נאָר, ווי די זונ באקט אזוי געשמאק, — האָט דער פוקס פוילבלעכ געמורמלט: — פונקט ווי זי וואָלט געוועזנ טאָנ עפּעס א וויכטיקע ארבעט! איכ וועל, העזל, כאפּנ א דרעמל, אונ דו זעצ זיכ צו אביסל נעענטער דערווײַל אונ פלאפּל זיכ.

זיי האָבנ אזוי געטאָנ. דער פוקס איז אנדרעמלט געוואָרנ, אונ דער האָז האָט זיכ געזועצט אפ אזא אויפנ, אז ווענ דער פוקס זאָל וועלנ, זאָל ער אימ מיט זײַנ מאָרדע קאָנענ דערלאנגענ, אונ ער האָט אָנגעהויבנ, דער האָז, מײַסעס דערציילנ.

— איכ בינ, פעטערל, בעטעווע, ניט קײנ איבערקלײַבער, — האָט ער גע־זאָגט: — איכ בינ גרייט זיכ לעבנ אבי־ווי. ס׳איז קײנ דרײַ יאָר ניטאָ נאָכ, אז איכ לעב אפ דער וועלט, אונ איכ בינ שוינ קימאט האלב רוסלאנד אויסגעוועזנ. אז ווי נאָר דו נעמסט זיכ ערגעצ פארפונדעווענ, — יאָגט עס גלײַכ אָנ א וואָלפ אָדער א סאָווע, אָדער יעגערס קלײַבנ זיכ אפ דיר מאכנ אנ אָנפאל. איז — ווײַטער געלאָפנ, געבראָכנ דעמ קאָפּ, אונ — זיכ

גענומען איינאָרדענען באַנײַס ערגעץ אין א נײַעם קאנט. נאָר איך קלאָג זיך ניט דערוף, ווײַל איך פארשטיי, אז דאָס האָזישע לעבן איז אזא. און אז איך פארשטיי ניט, לויף איך סײַוויסײַ, אפילע ניט פארשטייענדיקער־הייט, ס'איז די מײַסע פונקט ווי מיט די פויערים אין אונדזערע קאנטן. יענער קלײַבט זיך שוין שלאָפן גיין, ערשט מען קלאפט אים אין די פענצ־טער—טוק־טוק! ע׳, פעטערל, פאָר ארויס מיט דער פור דײַנער! אינ־דרויסן איז א קעלט, א זאווערוכע, דאָס פערדל זײַנס קאם וואָס עס זשי־פעט, און ער פאקט אָן א פולע פור מיט סאָלדאטן, שפאנענדיק אליין לעבן דער פור א ווערסט צוואנציק צופוס. אין א מעסלעס ארום דו טוסט א קוק—ער האָט זיך שוין אהיים אומגעקערט, דער פויער; די קינדער א צוקערלעקעכל געבראכט, דעם ווײַב—א טיכל אפן קאָפּ און אלעמען אינאיינעם—הארצווייטעק. דו גיב בא אים א פרעג, וואָס דאָס דאָזיקע באטײַט? וועט ער דיר ענטפערן: דאָס באטײַט א פויערש לעבן אפ דער וועלט. אזוי איז אויך מיט אונדז, האָזן. מיר עקזיסטירן ווי ניט איז. קיי־נער האָט זיך נאָך דאָס לעבן ניט גענומען. מיר זײַנען, ווי דו זעסט, שטענדיק און אלע מאָל גרייט... א יאָ, פעטערל, ס'איז עמעס וואָס איך זאָג?

אָנשטאָט אן ענטפער האָט דער פוקס שטיל א כּיל געטאָן, ווי פון שלאָף. דער האָז האָט מיט א זײַט קאָסע א קוק געגעבן: איז ער ניט אײַנגעשלאָפן, דער פעטערל? צי האָט דער האָז טאקע אין זינען געהאט געפינען א געלעגנהײַט און אָפּטראָגן די בּיינער—וועגן דעם איז מיר שווער צו זאָגן, האגאם ס'איז מעגלעך, אז אויך אזא סאָרט פאָליטיק גייט ארײַן אין דער לעבנס־פראָגראם פון א האָז. דאָך, כאָטש דער פוקס האָט ניט נאָר די אויגן פארזשמורעט, נאָר ער האָט זיך אויך אויסגעצויגן אפן רוקן און האָט, דער אויסוווּרף, אפילע די פיס צעפיאלעט, האָט דאָך דער האָז בעכוש זיך אָנגעשטויסן, אז דער פוקס פראוועט, אייגנטלעך, מיט אים קאָמעדיעס.

— איך וועל דיר דערציילן,—האָט דער האָז ווײַטער גערעדט:—ווי א פעטער מײַנער האָט געדינט בא א סאָלדאט. דער סאָלדאט האָט אים גע־כאפט נאָך גאָר א פיצעלע און ער האָט אים אויסגעלערנט אלע סאָלדא־טישע גענג. האלטן די ביקס, אויסשיסן, מארשירן, פויקן גאנצפרי אפ אופשטיין—אלצדינג האָט ער שוין געקענט, ווי א וואסער. זיי פלעגן ארומפאָרן צוזאמען איבער די מערק און פראוועגן טעאטער. און דערפאר פלעגט מען זיי געבן ווער אן איי, ווער א קאָפּיקע, ווער א שטיקל ברויט.

אָט דער דאָזיקער סאָלדאט האָט דעמ פעטער מײַנעמ אויסדערציילט וועגנ זײַנ לעבנ. „געוווינט האָב איכ, זאָגט ער, אינדערהיימ בײַ די עלטערנ, האָט דער טאטע מיכ איינמאָל געשיקט צו רעכט מאכנ דעמ שליטנ צו ווינטער־צו. פאריכט איכ מיר אזוי דעמ שליטנ, זינג זיכ לידלעכ, רויכער די ליולקע — פלוצעמ קומט ארופ אפנ הויפ דער דעסיאטסקע [1]: גיי, סעמיאָנ, אינ וואָלאָסט ארײַנ, מע רופט דיכ צומ פריזיוו פאר א סאָלדאט. ווי איכ בינ געשטאנענ, אזוי בינ איכ אוועקגעגאנגענ; גוט כאָטש, וואָס איכ האָב באוויזנ די ליולקע אינ קעשענע ארײַנצולייגנ. איכ בינ אוועקגעגאנגענ אונ אז איכ האָב זיכ אומגעקערט צוריק אינ צוואנציק יאָר ארומ [2], האָב איכ ניט געטראָפנ קיינ זייכער פונ קיינ שטוב אונ פונ קיינ היימ — גאָרניט...״ איז אָט, — האָט טיפזיניק צוגעגעבנ דער האָז: — ווי דאָס לעבנ פונעמ פויער טוט זיכ א דריי! אָט איז ער א פויער אונ אָט — א סאָלדאט, אי דאָס אי יענצ ווערט אָנגערופנ לעבנ אפ דער וועלט. אזוי איז אויכ מיט אונדז, האָזנ...

— וואָס הייסט, מע גיט דענ אײַכ אויכ אָפ פאר סאָלדאטנ? — האָט א פרעג געטאָנ דער פוקס, ווי ער וואָלט זיכ ערשט אופגעכאפט פונ שלאָפ.

— ניינ, אונדז עסט מענ אופ, — האָט דער האָז געענטפערט ווי ווײַט מעגלעכ האָפערדיקער.

— איכ מיינ אויכ אזוי, ווײַל וואָס זײַנט איר נוארא סאָלדאטנ! אויכ דעמ פעטער דײַנעמ האָט דער סאָלדאט, מיסטאמע, לעסאָפ אופגעגעסנ?

— ניינ, דער סאָלדאט איז געשטאָרבנ, אונ דער פעטער איז צו יענער צײַט אנטלאָפנ. געקומענ איז ער אהיימ, נאָר ער האָט שוינ קיינ האָזישע ארבעט ניט געקענט טאָנ — אָפגעוווינט זיכ. אונ די מומע האָט אימ אומזיסט האָדעווענ ניט געוואָלט. איז האָט ער זיכ איינמאָל אָנגעטראכט: „כ׳וועל גיינ אפנ מארק אונ דאָרט פראוועג קאָמעדיעס״. ווי נאָר אָבער ער האָט אָנגעהויבנ שפילנ א „קאוואלעריסטישנ מארש״ אפנ פויק — האָבנ הינט אימ צעריסנ!

— רעכט אפ אימ: צו וואָס איז אנ אוילעמ באומרויקנ. אייגנטלעכ, קלער איכ, האָט דער פעטער דײַנער פונ לאנג געוווּסט, אז מע וועט אימ ווענ עס איז אופעסנ, אויב ניט קיינ הינט, איז א וואָלפ, ניט קיינ וואָלפ,

---

1) דעסיאטסקע — א פויער, וואָס פלעגט אויסגעוויילט ווערנ צו הילפ דער פאָליציי.

2) דער האָז רעדט פונ יענער צײַט, ווענ די מיליטער־דינסט האָט געדויערט ניט ווינציקער פונ צוואנציק יאָר.

איז א פוקס, א רעזאָליוציע קריגט איר אלע איינע. זאָג מיר נאָר, אָקאָרשט, וואָס פארא פוקסן זײַנען דאָ בא אײַך אין קאַנט? בייזע, מיסטאמע?

— בא אונדז זײַנען דאָ די פוקסן, דעם עמעס זאָגנדיק, זייער בייזע. איך האָב זיך מיט קיין פוקס נאָענט ניט באגעגנט. איך האָב אײנמאָל נאָר געזען, ווי א יעגער האָט פאר מײַנע אויגן געכאפט א פוקס און, כּמוז זיך מוידע זײַן...

דער האָז האָט געוואָלט זאָגן „כ׳האָב זיך דערפרייט״, נאָר ער האָט זיך פארכאפט און איז געבליבן דערשראָקן. דער פוקס האָט אָבער געטראָפן, וואָס דער האָז האָט געוואָלט זאָגן.

— אָ, ס׳ארא בלוטזויגער דו ביסט! — האָט דער פוקס אים פאָרגעוואָרפן און אים אזא שטארקן ביס געטאָן אין זײַט, אז פון דער וווּנד האָט גענומען רינען בלוט.

— אכ, — האָט דער האָז א געשריי געטאָן פאר ווייטעק. גלײַך אָבער האָט ער זיך גענומען אין די הענט און זיך בעריעש־רירעוודיק פארענטפערט: — דאָס האָב איך, אײַער גנעדיקײַט, געמיינט די דאָרטיקע פוקסן. וועגן די היגע פוקסן, זאָגט מען, אז זיי זײַנען ווילדע.

— קלערסט אזוי?

— ס׳אָן עמעס. פאראיאָרן איז בא אונדז אין וואלד א העזל איינס א יאָרסעם געבליבן, איז האָט עס איינער א פוקס, פארשטייסטו, צוגענומען און צוזאמען מיט די אייגענע קינדער אויסגעהאָדעוועט.

— אופגעהאָדעוועט, הייסט עס, און ארויסגעלאָזן? ווו־זשע, זאָג מיר, געפינט ער זיך אצינד, דער יאָסעם אײַערער?

— ווער ווייסט אים, ווו ער איז אהינגעקומען... פארפאלן געוואָרן ערגעץ. ער האָט גענומען גאנוועגען, זאָגט מען, און האָט זיך פארדרייט. אן אלטער פוקס זאָל אים טאקע דערפאר האָבן אופגעגעסן.

— איך האָב אים אופגעגעסן, דאָס בין איך טאקע דער דאָזיקער פוקס, וועגן וועלכן דו האָסט געהערט. ניט דערפאר אָבער האָב איך אים אופגעגעסן, ווײַל ער האָט זיך פארדרייט, נאָר דערפאר, ווײַל זײַן צײַט איז געקומען.

דער פוקס האָט זיך אפּ א רעגע פארטראכט, האָט א ליאסקע געטאָן מיט די ציין און געפאקט א פלוי. דערנאָך איז ער ניט געײַלט אופגעשטאנען, זיך אָפּגעטרייסלט און גוטמוטיק א פרעג געטאָן באם האָז:

— ווי מיינסטו, וועמען וועל איך אצינד נעמען עסן?

דער האָז איז געווען אַ כּאַכעם. נאָר ער האָט זיך ניט אָנגעשטויסן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אין קאָפּ איז אים אַדורך אַ געדאַנק: „דאָס לעבן פון אַ האָז... אָט, עס הייבט זיך שוין אָן!“ — עס האָט זיך אים אָבער אַזוי שטאַרק ניט געוואָלט גלויבן אין דעם, אַז ס'אַ שרעק.

— איך ווייס ניט, — האָט דער האָז געענטפערט.

אָבער לויטן פּאָנעם און לויטן קאָל איז געווען קלאָר צו זען, אַז ער לייגט, דער האָז. דער פוקס איז דערפון אין קאַס געוואָרן און ניט אַף קאַטאָוועס.

— אָט ס'אַראַ ליגנער דו ביסט, — האָט געזאָגט דער פוקס. — מע האָט מיר אָנדערציילט וועגן דיר מייסעס, אַז דו ביסט אַ אַ פילאָסאָף, אַי אַ מין טרעפער, לאָזט זיך אויס, אַז דו ביסט סאַכאַקל אַ געוויינלעכ פּאַס־קודנע העזל! זיי ווייסן, אַז דיך טאַקע וועל איך נעמען עסן! דיך, פּאַ־ני, דיך!

דער פוקס האָט אַ שפּאַן געטאָן אַף צוריק און האָט געמאַכט אַ מינע, ווי אָט באַלד וועט ער זיך אַ וואָרף טאָן אַפן האָז און וועט אים אופעסן. נאָר באַלד האָט ער זיך אוועקגעזעצט און גענומען מיט דער הינטערשטער פוס זיך קראַצן הינטערן אויער, אַזויווי ס'וואָלט גאָרניט געשען.

— דאָך, עפּשער וועסטו זיך דערבאַרעמען? — האָט דער האָז שטיל דערשראָקן געפּרווּוט אַרויסזאָגן אַ האַשאָרע.

— וואָס ווייטער איז מיט דיר אַלץ ערגער! — האָט זיך נאָך מער צע־בייזערט דער פוקס. — ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז פוקסן זאָלן באַ־רעמהאַרציק זיין און אַז אַף האָזן זאָל מען ראַכמאָנעס האָבן? צי דען, לעקיש איינער, לעבן מיר מיט דיר אונטער איין הימל, קעדיי צו שפּילן אין באַרעמהאַרציקייט... אַ?

— גראַדע זיינען אַזוינע פאַלן געווען, פּעטערל! — איז דער האָז, אָנגע־מענדיק זיך מיט האַרץ, באַשטאַנען אַף דעם זייניקן. גלייך איז ער אָבער באַ זיך אָפּהענטיק געוואָרן און אַריינגעפאַלן אין טרויער.

— אַך, ווען איך זאָל קאָנען נאָך לעבן! אַך, ווען איך זאָל קאָנען כאָטש נאָך אַ האַרעלע לעבן!

דער פוקס האָט דערווייל צוגעגרייט פאַר דעם האָז אַ ווירקלעך אַנגע־נעמענעם סיורפּריז.

— הער אויס, דו געמיינ העזל, — האָט געזאָגט דער פוקס: — איך האָב געמיינט אינדערעמעסן, אַז דו ביסט אַ פּילאָסאָף. ערשט איך זע, אַז פון

איינ געדאנק בלויז וועגנ טויט ווערט פונ דיר א טעל. איז אט האב איכ פאר דיר צוגעטראכט א פריווילעגיע. איכ וועל־אפגיינ פארויס א פיר קלאפטער, וועל זיכ אנידערזעצנ מיטנ הינטנ צו דיר אונ וועל גאנצע פינפ מינוט אפ דיר, אומווירדיקע בריע, ניט קוקנ. אונ דו סטארע זיכ אינ דער צייט דורכלויפנ אזוי, אז איכ זאל דיכ ניט פאקנ. יועסטו באוויזנ זיכ אויסדרייענ — איז דיינ מאזל; וועסטו ניט באוויזנ — איז די רעזאליוציע פאר דיר גרייט.

— ווי בינ איכ עס, פעטערל, גאר אזוינס בעקויעכ!

— טיפעש! אויב דו וועסט זיכ אפילע ניט אויסדרייענ, צייט אבער וועסטו דאב געווינענ. וועסט זיכ מיט עפעס פארנעמענ, זיכ סטארענ צו־טרעפנ, — וועסטו די אנגסטנ אביסל פארגעסנ. ס׳איז פונקט ווי מיט דעמ סאלדאט אפ דער מילכאמע: ער טרעפט צו אונ טרעפט צו אונ פלוצעמ טוסט א קוק — ער איז קאפוט!

דער האז האט געטראכט־געטראכט אונ געמוזט אנערקענענ, אז דער פוקס האט גוט צוגעטראכט: איידער זיצנ אזוי גארניט ניט טאנ, נאר ווארטנ, מע זאל דיכ אופעסנ, איז שוינ גלייכער פארצוקט צו ווערנ בא עפעס א באשעפטיקונג. אזא, אייגנטלעכ, דארפ ער טאקע זיינ, דער עמע־סער טויט פונ א האז, אט אזוי אינ רעכטנ געלויפ: פליסט פייל־אויסנ־בויגנ אונ פלוצעמ — קאפוט.

— דו ווייסט אפילע ניט, וואס מיט דיר טוט זיכ, — אונ מע האט דיכ פלוצעמ צעריסנ אפ דער העלפט! — האט זיכ אויסגעמאלט דער האז אונ האט אווטאמאטיש צוגעגעבנ: — אונ עפשער...

— די דאזיקע פאנטאזיעס לאז אפ! — האט אימ דער פוקס געווארנט, אנשטויסנדיק זיכ, וואס פארא האפענונגענ עס האט א בליצ געטאנ באמ האז אינ קאפ, — דו באגיי זיכ בעסער אנ פאנטאזיעס... איינס, צוויי, דריי! פארלאז זיכ אפ גאט אונ — הייב אנ!

דער פוקס האט דאס דאזיקע אפגעזאגט אונ איז אפגעגאנגענ פיר קלאפטער פארויס, אוועקזעצנדיק פריער דעמ האז מיטנ הינטנ צו א גע־דיכטנ קוסט, ער זאל אפ צוריק בעשומויפנ ניט קאנענ אנטלויפנ — ער זאל נאר לויפנ פארביי אימ, ניט אנדערש.

דער פוקס האט זיכ אוועקגעזעצט אונ זיכ פארנומענ מיט זיינע אינ־יאנימ, ווי ער גייט אימ גארבישט אנ, דער האז. נאר באמ האז איז קיינ שומ סאפעק ניט געווענ, אז ווענ דער פוק זאל זיכ דערוויטערנ אפילע

נאָך אפ פיר קלאפטער, וועט אויך קײנ אײנ מינדסטע באוועגונג דעמ האָזס פאר אימ ניט דורכגײנ אומבאמערקט. דער האָז האָט זיך עטלעכע מאָל א שטעל געטאָנ אפ די פיס אונ צונויפגעלײגט די אויערנ אפנ רוקנ; עטלעכע מאָל האָט ער זיך צונויפגעדרײט אינ א קנויל אונ זיך געקליבנ מאכנ אנ אויסערגעװײנלעכנ שפרונג אזא, וואָס דורך אימ זאָל ער זיך גלײַך באפרײַענ פונ יעטווידער פארפאָלגונג. נאָר די זיכערקײַט, אז דער פוקס, ניט זעענדיק, זעט אלצדינג, האָט אימ געמאכט אָפּהענטיק. פונדעסט־וועגנ איז דער פוקס אפ זײַנ אויפנ גערעכט געווענ: דער האָז האָט ווירק־לעך באקומענ א האָזישע טועכצ, וואָס האָט אינ א באדײַטנדיקער מאָס אימ די גסיסע פארגרינגערט.

ענדלעך, זײַנענ די אָפּגערעדטע פינפ מינוט אדורך, אונ דער האָז איז אומבאוועגלעך געזעסנ אפ זײַנ פרי:ערדיק אָרט אײנגאנצנ פארטאָנ אינ באטראכטנ זײַנ האָזישנ איניעג.

— אצינד, האָז, לאָמיר זיך שפילנ! — האָט דער פוקס פאָרגעלײגט.

זײ האָבנ אָנגעהויבנ זיך שפילנ. בא א פערטל שאָ איז דער פוקס אומ־געשפרונגענ ארומ דעמ האָז: אָט טוט ער אימ א ביס אונ איז שוינ גרײט אײנגאנצנ א ריס טאָנ אימ באמ גאָרגל, אונ אָט טוט ער א שפרונג אינ א זײַט אונ פארטראכט זיך, ווי ער וואָלט, קלוימערשט, געקלערט אימ מויכל צו זײַנ. פארנ האָז איז אפילע דאָס אויך געווענ א מינ איניעג, ווײַל אויב דער האָז האָט זיך ניט פארטײדיקט, האָט ער זיך דאָך פונדעסטוועגנ מיט די לאפקעס פארשטעלט אונ געקוויטשעט.

אינ א פערטל שאָ ארומ אָבער איז אלצ געווענ געענדיקט. אָנשטאָט דעמ האָז זײַנענ געבליבנ בלויז שטיקלעך פעל אונ זײַנ סײכל האיאָשער אז: „איטלעכע כײַע האָט זיך איר לעבנ אפ דער וועלט: א לײב — א לעבנ פונ א לײב, א פוקס — א לעבנ פונ א פוקס, אונ א האָז — א לעבנ פונ א האָז".



דער פּיסקאר דער גרויסער כאָכעמ

אמאָל איז געווען א פּיסקאר. א קלוגנ טאטנ האָט ער געהאט אונ א קלוגע מאמע, האָבנ זיי זיכ פּאוואָלינקע שטילערהייט זייער לעבנ אינ טײַכ אָפּגעלעבט אונ זײַנענ צום העכט אינ פּיסק ניט ארײַנגעפאלנ, אונ מע האָט פונ זיי קײַנ פיש־יויכ ניט געמאכט. זיי האָבנ אויכ דעמ זונ זייערנ געלאָזט א פארזאָג: „אויב דו ווילסט, מײַנ זונדל, האנאָע האָבנ פונ דײַנ לעבנ, — האָט דער אלטער פּיסקאר געזאָגט פארנ טויט:—איז זײַ שטענדיק אפּ דער וואכ!"

דער יונגער פּיסקאַר האָט פאַרמאָגט א יאַמ מיט כאָכמע. האָט ער אָנגעהויבנ מיט זײַנ קלוגנ סייכל צו באַטראַכטנ אונ האָט דערזעענ, אז ווהינ ער זאָל זיכ ניט קערנ אונ ווענדנ — איז אימ אומעטומ קאַפּוט. אַרומ אונ רומ אינ וואַסער שווימענ אַרומ אַזוינע גרויסע פיש; ער איז דער סאַמע קלענסטער צווישנ זיי; די ערשטע בעסטע פיש קענ אימ אײַנשלינגענ, אונ ער — קיינעמ ניט. אז ער פאַרשטייט אפילע ניט: צי וואָס דאַרפ מענ עס אײַנשלינגענ? אָט, דער קראַב, צומ בײַשפּיל, קענ מיט זײַנע קלעמלעכ אפּ דער העלפט אימ צעשנײַדנ, א וואַסער־פלוי קענ זיכ אימ אײַנעסנ אינ רוקנ אונ פאַרמוטשענ ביז טויט. אפילע די אייגענע ברידערלעכ, די פּיסקאַרנ, אז זיי דערזעענ, ער האָט געכאַפּט א קאָמער, גיבנ זיי זיכ א לאָז א גאַנצע טיטשקע בא אימ אויסכאַפּנ. כאַפּנ אויס אונ הייבנ זיכ אָנ רײַסנ צווישנ זיכ, אזוי אז נאָר זיי צעדרויבלענ אימ אומזיסט, דעמ קאָמער.

נו, אונ דער מענטש? — ס'אַרא אײַנגעגעסענע באַשעפעניש דאָס איז. וואָס פאַרא דערפינדונגענ האָט ער שוינ ניט צוגעטראַכט בּיכדיי אימ, דעמ פּיסקאַר, אומזיסט־אומניִשט אומבּרענגענ! אי גרויסע נעצנ, אי האַנטנעצנ, אי וואָראָטשעק־נעצנ, אי אַנדערע מינימ נעצנ, אונ ענדלעכ... די ווענטקע! דאַכט זיכ אזא נאַרישקײַט — א ווענטקע — א פאָדעמ, אפּנ פאָדעמ א האַטשעק, אפּנ האַטשעק — א וואָרעמ אָדער א פליג אַרופגעטשעפעט.. אונ וויאַזוי אַרופגעטשעפעט?.. אפּ א סאַמע, קאָנ מענ זאָגנ, אומנאַטירלעכנ אויפנ! אונ פונדעסטוועגנ, זעט איר, פאַקנ מיר זיכ, פּיסקאַרנ, מער פונ אַלצ דאַפקע אפּ דער ווענטקע.

דער אַלטער טאַטע זײַנער האָט אימ [illegible]זאָגנ דער ווענטקע ניט איינמאָל געוואָרנט. „מער פונ אַלצ זאָלסטו זיכ [illegible]טנ פאַר דער ווענטקע! — האָט ער געזאָגט: — ווײַל כאָטש דאָס איז א גאַנצ נאַרישע אײַנריכטונג, איז מיט אונדז, פּיסקאַרנ, דאָכ אָבער אזוי, אז וואָס נאַרישער עס איז די אײַנריכטונג, אַלצ זיכערער פאַקט מענ אונדז. מע גיט אונדז [illegible]אַרפ א פליג, ווי מע איז אויסנ אונדז א לאַשטשע טאָנ; דו גיסט א כא[illegible]י פליג — ערשט אינ דער פליג איז דײַנ טויט!“

דערציילט האָט ער אויכ, דער אַלטער, ווי ער האָט זיכ איינמאָל שיר ניט אַרײַנגעפאַקט אינ פיש־יויכ אַרײַנ. געכאַפּט האָבנ זיי דעמאָלט פישערס — אַנ אַרטעל א גאַנצער; איבער דער גאַנצער ברייט פונ טײַכ האָט מענ א נעצ אויסגעשפּרייט, אונ מע האָט זי אזוי א וו[illegible]רסט צוויי געשלעפּט איבער[illegible]

סאמע דעק פונ טײַכ. פיש האָבנ זיכ דעמלט ארײַנגעפּאקט אזויפיל, אז ס'א שרעק! העכט אונ אָקונעס, אונ קארפּנ אונ פּלאָטיצעס אונ אנדערע פיש, — אפילע די לעשטשנ, די פּוילאקעס, האָט מענ פונ דער בלאָטע דאָרט פונעמ דעק אופגעהויבנ! אונ פיסקארנ איז געוועננ דאָרטנ — ניט איבערצוציילנ. הײַנט די שרעק, וואָס דער אלטער פיסקאר איז אויסגעשטאנענ, בעשאס מע האָט אימ געשלעפּט איבערנ טײַכ, איז מאמעש ניט צו באשרײַבנ. ער פילט, אז מע פירט אימ, — נאָר ער ווייסט ניט וווהינ. פונ איינ זײַט, זעט ער — א העכט. פונ דער אנדערער זײַט — אנ אָקונ; אָט־אָט, קלערט ער, וועט אימ דער אָדער יענער אופעסנ. ערשט — זיי טשעפּענ אימ ניט... „אינ קאָפּ איז דעמלט, ברודערל, ניט געלעגנ קיינ עסנ!" איינ זאכ נאָר איז בא אלעמענ אינ געדאנק: געקומענ דער טויט! נאָר וויאזוי אונ פארוואָס איז ער געקומענ — פארשטייט קיינער ניט. ענדלעכ, האָט מענ די עקנ פונ דער נעצ צונויפגענומענ אינאיינעמ, ארויסגעשלעפּט זי אפנ ברעג, אונ מע האָט אָנגעהויבנ די פיש פונ די נעצ־וואָראָטשעקעס ארויסווארפנ אפנ גראָז. אָט דאָ איז ער געווירע געוואָרנ, וואָס הייסט אזוינס פיש־יויכ. אפנ מיטנ זאמד, זעט ער, פלאטערט עפּעס רויטס, גרויע וואָלקנס ציענ זיכ פונ אימ אפ ארופ, אונ ס'איז אזוי הייס — מאמעש צומ כאלעשנ. אָנ וואסער איז אזוי איכ ניט גוט אפנ הארצנ, אונ דאָ גיט מענ נאָכ צו היצ. ער הערט, מע זאָגט: „א שײַטער", אונ אפ דעמ דאָזיקנ „שײַטער" ליגט עפּעס א שווארצס, אונ די וואסער דאָרטנ בולבעט זיכ אונ דרייט זיכ, ווי דאָס וואסער אינ אנ אָזערע אינ דער צײַט פונ שטורעמ. דאָס איז — ווי זיי רופנ עס — „א קעסל". צומ סאָפּ האָט מענ גענומענ זאָגנ: ווארפט די פיש אינ „קעסל" — וועלנ מיר האָבנ א „פיש־יויכ"! אונ מע האָט גענומענ דעמ אוילעמ אונדזערנ אהינ ווארפנ. דער פישער טוט א שמיצ ארײַנ אהינ א פיש — יענע טוט זיכ לעכאטכילע א טוק אונטער, דערנאָכ גיט זי א שפּרונג ארויס, ווי פונעמ זינענ אראָפּ, דערנאָכ טוקט זי זיכ ווידער אונטער אונ ווערט אנשטילט. זי האָט שוינ, הייסט עס, פארזוכט דעמ טאמ פונ „פיש־יויכ". לעכאטכילע האָט מענ געוואָרפנ אונ געוואָרפנ ניט איבערקלײַבנדיק, דערנאָכ האָט אנ אלטיטשקער איינער אפ אימ, אפנ פיסקאר, א קוק געגעבנ אונ זאָגט: „וואָס פאר א נוצנ וועט ער, אזא קלייניער פיסקליאק, ברענגענ דער פיש־יויכ! זאָל ער נאָכ אונטערוואקסנ אינ טײַכ", ער האָט אימ א נעמ געטאָנ פאר די זשאברעס אונ אימ אָפּגעלאָזנ אינ דער פרײַער וואסער, אונ ער, ניט קיינ נאר, האָט ער זיכ אוועקגעלאָזנ שוואליאָמ —

גלײַך אַהיים! צוגעקומענ אַהיים, ערשט די פּיסקאַריכע זיצט בא זיך אינ נאָרע ניט טויט ניט לעבּעדיק אונ קוקט אַפ אים אַרויס...

אונ דאָך, וויפל דער אַלטער האָט דעמלט אײַנגעטײַנעט, וואָס פיש־יויך הייסט אונ אינ וואָס דאָס דאָזיקע באַשטייט, פונדעסטוועגנ איז אַדײַעם זעלטנ צו טרעפנ אַזוינעם, וואָס האָט וועגנ פיש־יויך אַ קלאָרע פאָרשטעלונג!

נאָר ער, דער זונ פונעם אַלטנ פּיסקאַר, האָט דעם אַלטנס לערע אויסגעצייכנט פאַרגעדענקט אונ פאַרקריצט אינ זיקאָרנ. „זײַ שטענדיק אַפ דער וואַך, — האָט ער זיך געזאָגט: — אַניט וועסטו קאַפּאָרע ווערנ!” — אונ ער האָט גענומענ ווי געהעריק לעבנ אַפ דער וועלט. ערשטנס, האָט ער זיך צוגעטראַכט אַזאַ נאָרע, וואָס ער זאָל אינ איר קאָנענ אַרײַנקריכנ, נאָר קיינ אַנדערער זאָל צו איר ניט קאָנענ צוקומענ! די דאָזיקע נאָרע האָט ער געעקבּערט מיט דער נאָז זײַנער אַ קײַלעכיק יאָר, אונ וויפל שרעק ער איז פאַר אָט דער צײַט אויסגעשטאַנענ, נעכטיקנדיק אַמאָל אינ שלאַם, אַמאָל אונטער אַ וואַסער־דאָרנ אונ אַמאָל אינ אָטשערעט. אויסגעעקבּערט האָט ער זי, סאָפּקאָלסאָפּ, אַנ אַנטיק, פײַנ, פּינקטלעך — אונ אַנ אָרט איז דאָרטנ געווענ טאַקע פאַר אים איינעם אַליינ. צווייטנס, האָט ער וועגנ דעם אָרט לעבנ זײַנעם באַטראַכט אַזוי: באַנאַכט, ווענ די מענטשנ, די כײַעס, די פייגל אונ די פיש שלאָפנ — וועט ער זיך דעמלט מאַכנ אַ שפּאַציר. אונ באַטאָג וועט ער מיט ציטערניש אָפּזיצנ אינ דער נאָרע. נאָר אַזויווי אינ מויל אַרײַנ פונדעסטוועגנ מוז מענ עפּעס נעמענ אונ קיינ מעשאָרסים קענ ער ניט האַלטנ, ווײַל ער האָט ניט פונוואַנענ, וועט ער אַרויסלויפנ אַרום האַלבנ טאָג אַנערעך, ווענ אַלע פיש זײַנענ שוינ זאַט, אונ עפּשער וועט אים גאָט צושיקנ אַ פליגעלע צי צוויי. אונ אויב גאָט וועט ניט צושיקנ, וועט ער זיך אָפּליגנ אַ הונגעריקער אינ נאָרע אונ ווײַטער ציטערנ. ווײַל — בעסער ניט עסנ, ניט טרינקענ, איידער זאַטערהייט בלײַבנ אָנ אַ קאָפּ.

אונ אַזוי פלעגט ער טאָנ. באַנאַכט, בא דער שײַנ פונ דער לעוואָנע, פלעגט ער פּראַווענ זײַנ מאָציאָנ [1]), אונ באַטאָג פלעגט ער אָפּליגנ אינ נאָרע אונ ציטערנ. אַרום האַלבנ טאָג נאָר פלעגט ער אַרויסלויפנ עפּעס איבּערכאַפּנ — נאָר וואָס מע קענ שוינ צו האַלבנ טאָג פאַקנ! אינ דער צײַט איז אי דער קאָמער באַהאַלט זיך פאַר דער היץ ערגעץ אונטער אַ בלאַט,

[2]) מאָציאָנ — שפּאַציר.

אי דאָס פליגעלע קריכט ארונטער ערגעץ אונטער דער קאָרע און באַהאַלט זיך. פּוּישט ער נאָר אָן דעם בויך מיט וואסער און — א כאָפּ!

גאַנצע טעג ליגט ער אָפּ אין דער נאָרע, שלאָפט ניט קיין נעכט, וואגט ניט דעם ביסן אראָפּצושלינגען און האַלט נאָר אין איין טראַכטן: „איך לעב, דאַכט זיך? אַך! וואָס וועט עס נאָר מאָרגן זײַן?"

ער ווערט אַנדרעמלט, ווי יעדע זינדיקע באַשעפעניש, און אין שלאָף כאָלעמט זיך אים, אַז ער האָט א לאָטעריי־בילעט, און דער בילעט זײַנער האָט אויסגענומען 200 טויזנט. אויסער זיך פון גרויס סימכע, קערט ער זיך איבער אַף דער אַנדערער זײַט — ערשט ער טוט א קוק, א גאַנצע האַלבע מאָרדע האָט זיך בא אים פון נאָרע אַרויסגערוקט... וואָס וואָלט געווען, ווען א בין־פּרעסערל איז דאָ נאָענט! ער וואָלט דאָך אים פון דער נאָרע אַרויסגעשלעפּט!

איינמאָל האָט ער זיך אופגעכאַפּט און זעט: פּונקט אַנקעגן זײַן נאָרע שטייט א קראַב, שטייט און רירט זיך ניט, פּונקט ווי א פאַרקישעפטער, אויסראַטשענדיק זײַנע ביינערנע אויגן. בלויז די וואָנצעס זײַנע באַוועגן זיך מיטן שטראָם פון דער וואסער. אַך, האָט ער זיך דערפילט אָנגענומען מיט שרעק! און א גאַנצן האַלבן טאָג, ביז ס׳איז רעכט פינצטער געוואָרן, האָט אים דער קראַב אָפּגעוואַרט. און דער פּיסקאַר האָט דערווײַל אַלץ געציטערט און געציטערט!

א צווייטן מאָל, פאַרן אופגיין פונעם מאָרגנשטערן, ער האָט נאָרוואָס זיך אין נאָרע אומגעקערט, נאָרוואָס זיס א געגעץ געטאָן, האַנאָע האָבנדיק באַצײַטנס פונעם זיסן שלאָף, וואָס אים שטייט פאַר, — ער גיט א קוק: האַרט לעבן דער נאָרע איז מיטאַמאָל פון ערגעץ אויסגעוואַקסן א העכט, שטייט און קנאַקט מיט די ציין. דער העכט האָט אויך א גאַנצן טאָג אָפּ אים געטשאַטעוועט, ווי ער וואָלט זאַט געווען בלויז פונעם שטײַן און קוקן אַף אים. ער האָט אָבער אויך דעם העכט פּײַן אָפּגעטאָן: ער איז ניט אַרויסגעקראָכן פון נאָרע און פאַרטיק.

און דאָס האָט זיך מיט אים געטראָפן ניט־איינמאָל און ניט צוויי מאָל, נאָר מע קען רעכענען, אַז קימאַט אַלע טאָג. און אַלע טאָג האָט ער אין ציטערניש אָפּגעהאַלטן טריומפן און זיגן, אַלע טאָג פלעגט ער אויסרופן: „א דאַנק דיר, גאָט, איך לעב!"

נאָך מער: ער האָט ניט כאַסענע געהאַט און האָט קיין קינדער ניט געהאַט, האַגאַם בא דעם טאַטן זײַנעם איז גראַדע געווען א גרויסע מיש־

מאכנ. ער האט זיכ אזוי געטראכט: דער טאטע, ער האט געקענט אפלעבנ א לעבנ שפילנדיקערהייט! אינ לעצטע צײַטנ זײַנענ אויכ די העכט געווענ מער גוטהארציקע, אונ די אקונעס האבנ זיכ אפ אזא קלייבווארג, ווי מיר, ניט געקוקאפעט. אונ ווענ ער האט זיכ שוינ יא אמאל געהאט ארײַנגע־כאפט אינ פיש־זויכ, איז האט זיכ דא אויכ געפונענ אנ אלטיטשקער, וואס האט אים ארויסגעראטעוועט! איצט אבער, אז די פיש אינ טײַכ האבנ זיכ אויסגענומענ, זײַנענ אויכ פיסקארנ ארײַנ אינ דער מאדע. דא ליגט שוינ אינ קאפ ניט צו פארפירנ א מישפאכע. די קלערעסט, ווי אזוי אליינ באטש זיכ דורכלעבנ.

אונ אזוי האט דער פיסקאר, דער גרויסער כאכעם, אפגעלעבט העכער 100 יאר. האט אלצ געציטערט אונ געציטערט. ניט קיינ פרײַנט, ניט קיינ קרויווים האט ער ניט; ניט ער גייט צו עמעצנ, ניט עמעצער קומט צו אים. ער שפילט ניט אינ קארטנ, טרינקט ניט קיינ ווײַנ, רויכערט ניט קיינ טיטונ, יאגט זיכ ניט נאכ קיינ שיינע מיידלעכ. ער האלט נאר אינ איינ ציטערנ אונ טראכטנ: „געלויבט איז גאט! דאכט זיכ, איכ לעב!"

אפילע די העכט האבנ לעסאפ אים גענומענ לויבנ: אט, ווענ אלע זאלנ אזוי לעבנ — וואלט טאקע בעטאמעס אינ טײַכ שטיל געווענ! נאר זיי האבנ עס געזאגט אפ צו קיווענ: זיי האבנ געמיינט, אז נאכ אזוינע לויב־ווערטער וועט ער זיכ קומענ פארשטעלנ — אט בינ איכ, הײַסט עס! אונ דא וועלנ זיי אים פאקנ! נאר ער האט זיכ אויכ דורכ אזא שפיצל ניט געלאזט פאר־נארנ, אונ ער האט מיט זײַנ כאכמע ווידעראמאל טאקע בײַגעקומענ דעם סוינעס שפיצלעכ.

וויפל יאר ס'איז אוועק נאכ די הונדערט יאר — איז ניט באוווסט, נאר דער אלטער פיסקאר, דער כאכעם, האט סאפעקאלסאפ גענומענ שטארבנ. ליגט ער אינ נארע אונ טראכט: „געלויבט איז גאט, איכ שטארב מיט מײַנ אייגענעמ טויט, פונקט אזוי ווי מײַנ טאטע אונ מײַנ מאמע זײַנענ געשטארבנ". אונ ס'איז אים געקומענ אפנ געדאנק דעם העכטס הער־טער: „אט ווענ אלע זאלנ אזוי לעבנ, ווי אט דער כאכעם דער פיסקאר לעבט..." אנו, וואס וואלט אקארשט אינדערעמעסנ דעמלט געווענ?

גענומענ האט ער די זאכ איבערלייגנ בײַ זיכ אינ קאפ, וואס איז רײַנ געווענ מיט געדאנקענ, אונ פלוצלינג, פונקט ווי עמעצער וואלט אים אינ אויער א שעפטשע געטאנ: „ווענ מע זאל זיכ האלטנ בײַ אט דעם גאנג, וואלט שוינ פונ פיסקארנ בעכלאל לאנג קיינ זייכער ניט געבליבנ".

ווײַל צוליב דעם, אז פּיסקאַרנ זאָלנ אויכ אפ ווײַטער עקזיסטירנ, דאַרפ מענ פאַרפירנ א מישפּאָכע, אונ ער האָט עס ניט געטאָנ. נאָר דאָס איז נאָכ ווינציק: צוליב דעם אז די פּיסקאַרנ־מישפּאָכע זאָל זײַנ א שטאַרקע, אז אירע מיטגלידער זאָלנ זײַנ געזונטע אונ מונטערע, דאַרפ מענ זענ, אז זיי זאָלנ דערצויגנ ווערנ אינ זייער סטיכיִע, אונ ניט אינ קיינ נאָרע, ווו ער איז קימאַט בלינד געוואָרנ פונ שטענדיקער טונקלעניש. מע דאַרפ זענ, אז די פּיסקאַרנ זאָלנ באַקומענ שפּײַז אינ א גענוגנדיקער מאָס, אז זיי זאָלנ זיכ ניט באַהאַלטנ פונ דער געזעלשאַפטלעכקײַט, נאָר זיי זאָלנ איינער מיטנ אַנדערנ זײַנ באַפרײַנדעט אונ זיכ אָנעמענ איינער פונעם צווייטנ מיט גוטע מידעס אונ מיט אַנדערע מײַלעס.

ווײַל נאָר אזא לעבנ קאָנ פאַרפולקומענ דעמ פּיסקאַרנ־מינ אונ ניט דערלאָזנ, ער זאָל ווערנ אויסגעצערט, פאַרוואַנדלט ווערנ אינ פּיש־דרויב.

ניט גערעכט זײַנענ די, וואָס מיינענ, אז האַלטנ פאַר ווירדיקע בירגער קאָנ מענ נאָר די פּיסקאַרנ, וואָס, געפּלעפּטע פונ שרעק, זיצנ זיי אינ די נאָרעס אונ ציטערנ. ניינ, די דאָזיקע זײַנענ קיינ בירגער ניט, זיי זײַנענ, ווייכ געראָדט, אומנוצלעכע פּיסקאַרנ. קיינעמ איז פונ זיי ניט קאַלט, ניט וואַרעמ, קיינעמ פאַרשאַפנ זיי ניט קיינ קאָווּעד, ניט קיינ אומקאָוועד, ניט קיינ רומ, ניט קיינ בזיוינ... זיי לעבנ, פאַרנעמענ אומזיסט אנ אָרט אפ דער וועלט אונ עסנ אומזיסט ברויט.

אָט דאָס אלצ האָט זיכ אימ פאָרגעשטעלט אזוי דײַטלעכ אונ קלאָר, אז ער האָט מיטאַמאָל א הייסנ פאַרלאַנג באַקומענ: „לאָמיכ קאָרשט פונ דער נאָרע אַרויסקריכנ אונ זיכ לאָזנ פראַנק־אונ־פרײַ שווימענ איבערנ גאַנצנ טײַכ!" נאָר גלײַכ ווי ער האָט וועגנ דעמ א טראַכט געגעבנ, האָט ער זיכ דערשראָקנ. אונ ער האָט אָנגעהויבנ ציטערנדיקערהייט צו שטאַרבנ. גע־לעבט אינ ציטערניש אונ שטאַרבט אינ ציטערניש.

זײַנ גאַנצ לעבנ איז אימ אפ א רעגע דורכגעגאַנגענ פאַר די אויגנ. וואָס פאַרא פרײדנ האָט ער געהאַט? וועמענ האָט ער אפ זײַנ לעבנ גע־טרייסט? וועמענ האָט ער מיט אנ אייצע צוגעדינט? וועמענ האָט ער א גוט וואָרט געזאָגט? וועמענ האָט ער אינ א נויט געהאָלפנ, צוגעלאַשטשעט, באַשיצט? ווער האָט געהערט פונ אימ, ווער וועט אימ דערמאַנענ, אז ער איז געווענ אפ דער וועלט? אונ אפ אָט די אלע פראַגנ איז אימ אויסגעקו־מענ בלויז צו ענטפערנ: קיינעמ ניט, קיינער ניט.

ער האָט געלעבט און געציטערט — מער גאָרניט. אפילע אָט איצטער — דער טויט איז שוין אונטער דער נאָז און ער ציטערט נאָך אלץ, אליין ניט ווייסנדיק איבער וואָס.

אין נאָרע איז בא אים פינצטער, ענג, ניטאָ זיך ווו א קער צו טאָן; קיינמאָל קומט אהין ניט ארײַן קיין שטראַל פון דער זון, און עס פילט זיך ניט קיין וואַרעמקייט, ער ליגט אין אָט דער פינצטערער נעץ א בלינדער, אן אויסגעמאַטערטער, קיינעם גייט ער ניט אָן, ליגט און וואַרט: ווען וועט שוין, ענדלעך, דער הונגער־טויט אינגאנצן באַפרײַען אים פון דעם אומנוצלעכן לעבן?

ער הערט, ווי פארבײַ זײַן נאָרע שלײַכן זיך דורך אנדערע פיש — עפּשער פּיסקאַרן, אזויווי ער — און קיינער פון זיי אינטערעסירט זיך מיט אים ניט, קיינעם פון זיי קומט גאָר אפן געדאנק ניט: לאָמיך קאָרשט א פרעג טאָן באם פּיסקאַר דעם כאָכעם, אף וואָס פאר אן אויפן האָט ער דאָס באַוויזן אָפּצולעבן העכער הונדערט יאָר, און ניט דער העכט האָט אים אײַנגעשלונגען, ניט דער קראַב האָט אים מיט די קלעמלעך דורכגעשטאָכן און ניט דער פישער האָט אים אף דער ווענטקע געפּאַקט? זיי שווימען זיך פארבײַ. און ס׳קאָן זײַן, אז זיי ווייסן אפילע ניט, אז אָט אין דער דאָזיקער נאָרע פארענדיקט דער פּיסקאַר, דער גרויסער כאָכעם, זײַן לעבנס־פּראָצעס!

פארדראָס׳יקער פון אלץ איז: מע הערט אפילע ניט, עמעצער זאָל אף אים זאָגן, אז ער איז א שאַרפער כאָכעם. מע זאָגט פּראָסט: „איר האָט געהערט וועגן דעם גוילעם, וואָס עסט ניט, טרינקט ניט, זעט זיך מיט קיינעם ניט, פארברענגט מיט קיינעם ניט און האַלט אין איין היטן דאָס לעבן זײַנס, וואָס איז אינגאנצן אָן טאַם". אסאַך זאָגן אף אים פּאָשעט, אז ער איז א טיפּעש און א מיעסקײַט, און זיי וווּנדערן זיך, וויאַזוי דולדעט גאָר דאָס וואַסער אזא מין גוילעם.

ער האָט געאַרבעט אזוי מיט די געדאַנקען און געדרעמלט. ס׳הייסט ניט געדרעמלט, נאָר שוין אָנגעהויבן אויסגיין. אין די אויערן האָט אים געקלונגען א פאַרן־טויט־שעפּטשען, זײַן גאַנצער קערפּער איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט מידקײַט, און דאָ האָט ער נאָכאַמאָל דערזען דעם פריערדיקן קישעפדיקן כאָלעם. ער האָט אויסגערעכנט, קלוימערשט, צוויי הונדערט טויזנט, איז געוואָרן גרעסער אף א גאַנצן האַלבן אַרשין, און ער אַליין גאָר שלינגט שוין העכט.

פאַר דער צייט אָבער, וואָס איז אַלץ האָט זיך אים געצאָלעמט, האָט
זיך צוביסלעך די מאָדנע זײַנע אײַנגאַנצן פון איער נאָריש אַריסטאָקליטעט,
און פלוצעם איז ער פאַרשוואונדן. וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען — צי א
חפץ האָט אים איבערגעשלאָגן, צי א קראַנק האָט אים מיט די קלעמלעך
דורכגעשטאָכן, אָדער ער איז אַליין מיט זײַן אייגענעם טויט געשטאָרבן
און איז אַרויפגעשווּמען אויף דער אויבערפלאַך — ווייסן די ווײַבער קיין
אײַזעס ביז שפּעט אַן. מער פון אַלץ איז צו גלויבן, אַז ער איז אַליין גע-
שטאָרבן, ווײַל וואָס פאַר א חפץ וואָלט דאָס בײַשטיין האָבן אײַנשלינגען א
פיסקאַר א קראַנקן, א שטאַרבנדיקן און נאָך אַזאַ גרויסן כאָכעם דערצו?

דער געטרײַער טרעזשאָר

געדינט האָט ער, טהעזאָהל, פאר א וועכטער בײַ דער קראם פונעם מאָסקווער סויכער פון דער צווייטער גילדיען[1]) וואָראַטילאָוו, און האָט

1) א סויכער פון דער צווייטער גילדיע — א סויכער פון צווייטן ראַנג. די סויכרים אין צאַרישן רוסלאַנד פלעגן אײַנגעטיילט ווערן אין ראַנגען (קאַטעגאָריעס) אָפּהענגיק פון דער גרייס פון זייער האַכנאָסע.

מיט א וואַך אויג געהיט דעם באַלעבאָס גוטס. קיינמאָל איז ער פון דער בודקע אינערגעץ ניט אָפּגעטראָטן; אפילע דעם פּלאַץ פון דער זשיוואָ־דיאָרקע, וווּ די קראָם האָט זיך געפונען, האָט ער רעכט ניט אָנגעקוקט: פון פרי ביז נאַכט נאָר ער שפּרינגט אָפּ דער קייט, נאָר ער פאַרגייט זיך האַווקענדיק!

און געווען איז ער זייער א קלוגער. ער פלעגט קיינמאָל אָפּ אייגענע ניט בילן, נאָר אַלץ אָפּ פרעמדע. ס׳טרעפט, אַז דעם באַלעבאָס פערדטרייַבער קריכט אין שפּייַכלער האָבער גאַנווענען, דרייט טרעזאָרל מיטן עק און טראַכט זיך: אַסאַך דאַרף ער דען האָבער! זאָל אָבער א דורכגייער לעבן הויף פאַרבייַגייַן צוליב זייַנעם אַן איניען, איז האָט ער נאָר דער־הערט טריט, טרעזאָרל, איז גלייַך: גוואַלד, א גאַנעוו!

דער סויכער וואָראָטילאָוו האָט טרעזאָרס געטרייַשאַפט צוגעזען. ער האָט געזאָגט: „אַזאַ הונט איז טייַערער פון גאָלד!‟ און אַלעמאָל ווען ס׳האָט זיך אים נאָר געמאַכט, גייענדיק אין קראָם, פאַרבייַגייַן דעם הונטס בודקע, פלעגט ער אומבאַדינגט זאָגן: טראָגט אַרויס טרעזאָרן פּאָמויעס! און טרעזאָרל שפּרינגט פון דער הויט פאַר פרייד: שטענדיק גרייט צו דינען, אייַער הויכגעשעצטקייַט! האַם־אַם! שלאָפט רויִק, אייַער הויכגע־שעצטקייַט... האַם... אַם.. אַם... אַם!

געטראָפן האָט אפילע אַמאָל אַזאַ זאַך: אַליין דער פּריסטאַוו [1]) איז צום סויכער וואָראָטילאָוו אין הויף אַראָפּגעקומען, איז האָט זיך טרעזאָרל אָפּ אים אַזוי אַרופגעכאַפּט. האָט אופגעהויבן אַזאַ גוואַלד און אַזאַ געפּילדער, אַז אי דער באַלעבאָס, אי די באַלעבאָסטע, אי די קינדער — אַלע זייַנען זיי אַרויסגעלאָפן. זיי האָבן געמיינט, מע ראַבעוועט עמעצן; ערשט זיי טוען א קוק — ס׳איז גאָר א גאַסט אַן אָנגעלייגטער!

— קומט אַרייַן, אייַער הויכגעבוירט, ביטע! טרעזאָרל, שאַ! וואָס האָסטו זיך, אויסוווּרף, צעשריען? האָסט ניט דערקענט? וואָס? אייַער הויכגעבוירט, א קאַפּעלע בראָנפן! עפּעס איבערבייַסן!

— אַדאַנק אייַך! א ווויל הינטל בײַ אייַך, ניקאַנאָר סעמיאָנאָוויטש! א לייַטישער הונט!

— ס׳איז שוין איינמאָל א הונט! פאַראַן מענטשן, וואָס וועלן ניט פאַר־שטיין דאָס, וואָס ער פאַרשטייט!

---

[1]) פּריסטאַוו — אַזאַ טשין פון א פּאָליצייַ־באַאַמטן.

— ער האלט, קאָנטיק, פונ אײגנטום; אונ דאָס איז, װעדליק הײַנטיקע צײַטנ, זײער אנגענעם!

אונ אויסקערעװענדיק זיכ דערנאָכ צו טרעזאָרנ, האָט ער צוגעגעבנ:

— ביל, מײַנ פרײַנט, ביל! א מענטש אפילע, פארשטײסטו מיכ, אויב אזוינער װיל זיכ נאָר װי געהעריק פארעקאָמענדירנ — מוז ער זיכ פארפליכטנ הײַנט צו האוהקענ, זײַ א הונט!

דרײַ מאָל האָט װאָראָטילאָװ טרעזאָרנ אויסגעפרוװט, ביז ער האָט אימ זײַנ פארמעגנ פולקומ פארטרויט. ער האָט זיכ אָנגעטאָנ װי א גאנעװ (אונ װוּנדערלעכ, װי ס'האָט אימ געפאסט!), האָט אויסגעקליבנ א נאכט א מער פינצטערע אונ איז אװעקגעגאנגענ אינ שפײַכלער גאנװענענ. דאָס ערשטע מאָל האָט ער מיט זיכ מיטגענומענ א שקאָרינקע ברויט — געקלערט אימ דערמיט אונטערקויפנ — נאָר טרעזאָרל האָט די שקאָרינקע ארומגעשמעקט — האָט זיכ א לאָז געטאָנ אונ אימ א כאפ געטאָנ פאר דער ליטקע. דאָס צװײטע מאָל האָט ער אימ א גאנצ רעדל קאָלבאס א װאָרפ געטאָנ: „נא, טרעזאָרעלע, כאפ!" — נאָר טרעזאָרל האָט אימ א פאָלע אָפגעריסנ. דאָס דריטע מאָל האָט ער מיט זיכ מיטגענומענ א פארפעצטנ פאפירענעמ רובל. האָט געמײנט, אז דער הונט װעט זיכ אפ געלט קװאפענ, נאָר טרעזאָרל איז ניט קײנ נאר אונ האָט אופגעהויבנ אזא ליארעמ, אז אלע הינט פונעמ גאנצנ קװארטאל זײַנענ זיכ צונויפגעלאָפנ: זײ שטײַענ אונ שטוינענ, װאָס האָט זיכ עס דער באלעבאטישער הונט אזוי צעבילט אפ זײַנ באלעבאָס?

אָט דעמלט האָט דער סויכער װאָראָטילאָװ צונויפגערופנ די שטובמענטשנ אונ האָט פאר אלעמענ אינ די אויגנ זיכ אָנגערופנ צו טרעזאָרנ:

— איכ פארגלויב דיר, טרעזאָרל, מײַנ גאנצע זליבעדע: אי דאָס װײַב, אי די קינדער, אי דאָס פארמעגנ — היט! טראָגט ארויס גיכער טרעזאָרלענ אביסל פאָמויעס.

צי ער האָט פארשטאנענ, טרעזאָרל, דעמ קאָמפלימענט, װאָס דער באלעבאָס האָט אימ געמאכט, צי דאָס איז שוינ אזוי אינ דער הינטישער נאטור צו האװקענ װי פונ א פוסטער פאס — נאָר פונ דעמלט אָנ איז ער געװאָרנ א הונט אזא — עפעס גאָר אײנער אינ דער װעלט. מיט אײנ אויג דרעמלט ער אונ מיטנ צװײטנ קוקט ער, צי קריכט עמעצער ניט אונטערנ טויער; אײַנגעמאטערט פונ שפרינגענ, לײגט ער זיכ אנידער אונ קלינגט אָבער אלצ נאָכ מיט דער קײט: איכ בינ ניט אהינגעקומענ אינערגעצ, איכ בינ

דאָ! אז מע פארגעסט אים אָנהאָדעווען — איז ער זייער קאָנטעט אפילע: ווײַל מע זאָל נעמען א הונט אלע טאָג האָדעווען, קען זיך נאָך, זאָגט ער, אזוינס טרעפן, אז מאַר אײן וואָך זאָל ער ווערן אויס הונט! אז די שטוב־מענטשן טײלן אים אַײַן קלעפּ — זעט ער אויך אין דעם אַײַן פאר זיך עפּעס א נוצלעכע זאך, ווײַל מע זאָל א הונט ניט שלאָגן, קאָן זיך נאָך מאכן, ער זאָל זיך אינעם באלעבאָס פארגעסן.

— מיט אונדז, מיט הינט, דארף מען זיך באַגײן שטרענג, — האָט ער געענקירעט. — סײַ אז ס׳קומט — שלאָג, סײַ אז ס׳קומט ניט — שלאָג! און אָנלײער און שפּעטער! דעמלט נאָר וועלן מיר, הינט, זײַן עמעסע הינט!

קורץ, ס׳איז געווען א הונט מיט פרינציפּן און האָט אזוי הויך געהאלטן זײַן פּאָן, אז אנדערע הינט פלעגן אף אים קוקן, קוקן און אראָפּלאָזן דעם ווײדל — ווי קען מען זיך צו אים גלײַכן!

וואָס דארף מען מער, ווי ער, טרעזאָרל, האָט ליב געהאט קינדער, פונדעסטוועגן האָט ער זיך אויך פון זיי ניט געלאָזט פארפירן. ס׳פלעגן צוגײן צו אים דעם באלעבאָס קינדער:

— קום, טרעזאָרעלע, מיט אונדז שפּאצירן!

— איך קען ניט אוועקגײן.

— האָסט מורע?

— ניט איך האָב מורע, נאָר איך האָב קײן רעכט ניט אוועקגײן.

— קום, נאָר דו אײנער! מיר וועלן דיך שטילערהייט... קײנער וועט אפילע ניט זען!

— און ווו איז געוויסן?

ער קוועטשט צו, טרעזאָר, דעם עק, און באהאלט זיך אין בודקע, קעדיי צו זײַן ווײַט פון א ניסוייען.

באזונדערס האָט מען טרעזאָרלען טײַער געהאלטן דערפאר, וואָס ער האָט אבסאָליוט ניט פארמאָגט קײן ערן־גײַץ. מע קען ניט וויסן, צי האָט ער אפילע געהאט א פאָרשטעלונג וועגן יאָנטויווים און וועגן דעם, אז בא סאָברים פירט זיך, אז צו יאָנטעוו־צו שענקען זיי מאטאָנעס זייערע געטרײַע דינער. ס׳האָט געמעגט זײַן דער טאָג פונעם הײליקן ניקאָלײַ (ווען „אלײן דער באלעבאָס״ איז אן אימעניניק) אָדער פון דער הײליקער אנפיסע (ווען „אלײן די באלעבאָסטע״ איז אן אימענינצע), — ער שפּרינגט זיך אום אף דער קײט, אלצוינס, ווי אין א וואָכעדיקן טאָג!

— וועד שוינ אנשוויגנ, נימעסע ברויע, — טוט אפ אימ א־געשריי אנפיסע קארפאוונע. — דו ווייסט, וואס פאר א טאג עס איז היינט!

— נישקאשע, זאל ער האווקענ! — ענטפערט איר אפ מיט א שפאס ניקאנאר סעמיאנאוויטש: — דאס באגריסט ער מיכ מיט מיינ געבורטס־טאג. האווקע, טרעזארעלע, האווקע!

איינמאל בלויז האט אינ אימ אופגעוואכט עפעס א מינ ערנ־גייצ — דאס איז געווענ דעמלט, ווענ מע האט ראכליענ, דעמ באלעב״ה בעהיימע, וואס בוצקעט זיכ, אנגעטאנ א־גלאק אפנ האלדז, ווייל דע שטאט־פאסטעכ האט אזוי געהייסנ. מע מוז מוידע זיינ, אז ווענ זי פלעגט ארומשפאנענ מיט א קלינגערייַ איבערנ הויפ, האט ער איר טאקע רעכט מעקאנע געווענ.

— אט, אזא מאזל, אונ פארוואס? — האט ער צו ראכליענ געזאגט פאד־ביטערט — דיינ גאנצער פארדינסט באשטייט אינ דעמ, וואס מע מעלקט אויס פונ דיר א האלב עמער מילכ א טאג, נאר אינדערעמעסנ גערעדט: וואס איז עס פאר א פארדינסט! די מילכ איז פונ דער נאטור דיר גע־שענקט, ס׳איז פונ דיר ניט געווענדט; האדעוועט מענ דיכ גוט — גיסטו אסאכ מילכ, האדעוועט מענ דיכ שלעכט — הערסטו אופ צו געבנ מילכ. מע זעט ניט, דו זאלסט א קלאפ טאנ א טלא אינ א טלא צו דינענ דעמ באלעבאס, אונ פונדעסטוועגנ, אט וואס פארא פרעמיעס מע גיט דיר! אונ איכ מאטער זיכ טאקע אליינ טאג ווי נאכט, דערעס ניט, דערשלאפ ניט אונ בינ פונ אזא מינ לעבנ שוינ הייזעריק געווארנ אונ אנגעהויבנ צו כריפענ — אונ מע זאל מיר כאטש דערפאר א גלעקעלע צוווארפנ! נא דיר, הייסט עס, טרעזארל, ווייס, אז מע שאצט דיינ געטריישאפט!

— אונ די קייט איז בא דיר גארניט? — האט אימ ראכליע געפונע וואס אפצוענטפערנ.

— די קייט?

אט דא האט ער ערשט פארשטאנענ. ביז אהער האט ער געמיינט, אז די קייט איז א קייט אונ ארויסגעוויזנ האט זיכ גאר, אז דאס איז א [illegible] ספעציעלער צייכנ, אז ער איז, הייסט עס, פונ לעכאטכילע אט גא[illegible] געווארנ — באלוינט געווארנ אינ דער צייט, ווענ ער האט דאס נ[illegible] ניט פארדינט. אונ אז פונ היינט אנ האט ער נאר פונ איינ זאכ [illegible] מענ: מע זאל די אלטע פאראסטעטע קייט (ער האט זי שוינ א[illegible] אל בערגעביסנ) אראפנעמענ אונ קויפנ א נייע, א פעטטע.

און דער סויכער וואָראָטילאָוו, פונקט ווי ער וואָלט אונטערגעהערט זײַנ באַשײדנ־ערנגמצַיקע גלוסטונג: פונקט ערעוו דעם טרעזאָר־יאָנטעוו האָט ער גלקויפט א שפּאָגל־נײַע, א זעלטנ גוט אויסגעשמידטע קײט אונ האָט זי, אלס סיורפּריז, צוגעטשעפּעט צו טרעזאָרס האלדז־רימענ. ביל, טרעזאָרל, ביל!

און ער איז זיכ פּאַרגאנגענ אינ אזא גוטמוטיק פאַרכלינענדיק בילנ, ביז ווענכנ עס בילנ הינט, בא וועמענ די גאנצקײט פונ דער קראָם, וועלכע דער באַלעבאָס האָט זיי אוועקגעשטעלט היטנ, און זייער אײגענער ווילזײַנ איז בא זיי אײנס און דאָס זעלבע.

אינ אלגעמײנ האָט זיכ טרעזאָרנ געלעבט אויסגעצײכנט, כאָטש פונ צײַט צו צײַט איז עס אָנ יעסורים זיכ ניט באַגאנגענ. צווישנ הינט, פונקט אזוי ווי צווישנ מענטשנ, שפּילנ אָפט כניפע, נאָכקריכערײַ און קינע אזא ראָליע, וואָס לויטנ געזעצ האָבנ זיי עס ניט פאַרדינט. ניט אײנמאָל האָט אויכ טרעזאָרנ געשטאָכנ דאָס קינע־געפּיל. נאָר ער איז געווענ שטארק מיט דעם באַוווסטזײַנ פונ זײַנ אויסגעפילטער פליכט און האָט קײנ מוירע ניט געהאט פאַר גאָרניט. דאָס איז פונ זײַנ זײַט גאָרניט געווענ קײנ גרויסהאלטערײַ, פאַרקערט, ער וואָלט דער ערשטער גרײט געווענ אָפּ־טרעטנ דעם קאָוועד און דאָס אָרט דעם ערשטנ בעסטנ אראָפּגעקומענעם באַרבאָס, וואָס וואָלט דערוויזנ, אז אינ פראט פונ אומבאַזיגבאַרקײַט קומט אים די בכוירע.

ניט אײנמאָל האָבנ באַרבאָסנ — ניט־פאַרגינער, אי אײנציקווײַז, אי אינ קלײנע טשאַטעס, זיכ צונויפגעקליבנ באַם סויכער וואָראָטילאָוו אפנ הויפ, האָבנ זיכ אויסגעזעצט פונוויַיטנס און ארויסגערופנ טרעזז[illegible] א געווער. ס'פלעג זיכ אופהײבנ אזא אומגעהײערער געווי[illegible]ט, אז ס'פלעג ארופוואַרפנ א פּאַכעד אפ אלע שטוב־מענטשנ. נאָר ד[illegible]לעבאָס פלעג זיכ צו אים נײַגעריק צוהערנ, ווײַל ער האָט פאַרשטאַנענ, אז ס'איז ניט ווײַט די צײַט, ווענ מע וועט צו טרעזאָרנ דאַרפנ האָבנ א מיטהעלפער. אינ דעם דאָזיקנ ווילדנ כאָר האָבנ זיכ געלאָזט הערנ ניט קײנ שלעכטע שטימענ, נאָר אזא שטים, וואָס טונ איר זאָל א כאַפּ טאָנ באַם בויכ פאַר שרעק — אזא שטים האָט מענ ניט געהערט. עס [illegible]רעפנ א באַרבאָס מיט ניט קײנ שלעכטע פײַקײַטנ, ער פלעגט [illegible]רכאַפּנ די מאָס אינ האווקענ, אָדער ער פלעג ניט דערהאווקנ.

בעשאס אזוינע געוועטנ פלעגט טרעזאָר ג[illegible]עכ אנשווײגנ ווערנ,

ווי ער וואָלט געגעבנ זײַנע קעגנער א מעגלעכקײַט זיכ ארויסזאָגנ, נאָר צומ סאָפ פלעגט ער ניט אויסהאלטנ, אונ צו דעמ אלגעמײנעמ געוווי, וואָס איטלעכע נאָטע זײַנע האָט אײדעס געזאָגט: זעגנ קינסטלעכער אָנשטרענגונג, פלעגט ער צוגעבנ זײַנ אײגענעמ, פרײַענ אונ אײַנגעהאלטענעמ ביל. דער דאָזיקער ביל פלעג גלײַכ אלע ספּיקעס באַזײַטיקנ. דערהערנדיק אימ, פלעג די קעכנע גלײַכ ארויסטראָגנ טרעזאָרנ פאָמויעס.

פונדעסטוועגנ איז קײנ זאכ אפ דער וועלט ניט אײביק. אײנמאָל אינדערפרי, גײענדיק פארבײַ דעמ הונטס בודקע אינ שפּײַכלער ארײַנ, האָט וואָראָטילאָווס מעשאָרעס געטראָפנ טרעזאָרנ, אז ער שלאָפט. אזוינס האָט נאָכ מיט אימ קײנמאָל ניט געטראָפנ. צי איז ער ווענ עס איז געשלאָפנ? מיסטאמע, געשלאָפנ—דאָס האָט אָבער קײנער ניט געוווסט אונ קײנער האָט אימ אלנפאלס שלאָפנ ניט געטראָפנ. פארשטײט זיכ, אז דער מעשאָרעס האָט וועגנ דעמ צופאל גלײַכ מיטגעטײלט דעמ באלעבאָס.

דער סויכער וואָראָטילאָוו איז אלײנ ארויסגעגאנגענ צו טרעזאָרנ, האָט א קוק געגעבנ אפ אימ, אונ, זעענדיק אז ער דרײט מיטנ עק ווי א פארזינדיקטער, ווי ער וואָלט געזאָגט: איכ ווײס אלײנ ניט ווי ארומ איכ בינ צו אזא זינד געקומענ!—האָט ער אָנ קאס, מיט א שטימ פונ מיטגעפיל זיכ אָנגערופנ:

— וואָס, אלטער, קלײַבסט זיכ שוינ אינ קיכ ארײַנ? אלט געוואָרנ, שוואכ געוואָרנ? נו, גוט, זאָל זײַנ אזוי! דו וועסט אויכ אינ קיכ צונוצ קומענ.

פונדעסטוועגנ, אזוי ווי עס איז געווענ דאָס ערשטע מאָל, האָט מענ באשטימט זיכ באנוגענענ מיט צוזוכנ טרעזאָרנ א מיטהעלפער. ס'איז געווענ ניט קײנ גרינגע זאכ; דאָכ האָט מענ, נאָכ א היפּשנ קלאָפּאָט, באוויזנ פונדעסטוועגנ אָפּצוזוכנ בא די קאלוגער פויערימ עפּעס אנ אראפקע, וואָס האָט שוינ פארמאָגט א גאנצ פעסטע רעפּוטאציע.

מיר וועלנ ניט נעמענ באשרײַבנ, ווי אזוי אראפקע האָט גלײַכ דער ערשטער אנערקענט טרעזאָרס אווטאָריטעט אונ האָט זיכ אימ אינגאנצנ אונטערגעוואָרפנ, ווי אזוי זײ האָבנ זיכ בײדע באפרײַנדעט, ווי אזוי מע האָט טרעזאָרנ מיט דער צײַט אינגאנצנ אריבערגעפירט אינ קיכ, אונ ווי אזוי, ניט געקוקט דערופ, איז ער געלאָפנ צו אראפקענ אונ אימ אופריכטיק געלערנט די גענג פונ אנ עמעסנ סאָכרישנ הונט...

די צײַט אָבער איז געגאנגענ, אונ טרעזאָרל האָט זיכ אלצ מער אונ מער געפלעטערט. אפנ האלדז איז בא אימ אויסגעוואקסנ עפּעס א מינ וואָליע, וואָס האָט אימ דעמ קאָפּ געבויגנ צו דער ערד, אזוי, אז ער האָט זיכ מיט גרויס מי געקענט שטעלנ אפ די פיס; די אויגנ האָבנ קימאט ניט געזענ, די אויערנ זײַנענ געהאנגענ אומבאַוועגלעכ, די פעל האָט זיכ צו־נויפגעדרייט אונ איז אויסגעקראָכנ גאנצע שטיקער. ער האָט אָנגעווירנ דעמ אפעטיט, אונ די קעלט, וואָס האָט אימ שטענדיק דורכגענומענ, האָט אימ געצווונגענ, נעבעכ, זיכ טוליענ צומ אויוונ.

— ווי איר ווילט זיכ אײַכ, ניקאנאָר סעמיאָנאָוויטש, נאָר טרעזאָר האָט אָנגעהויבנ קרעציק ווערנ, — האָט די קעכנ אײנמאָל מיטגעטיילט דעמ סויכער וואָראָטילאָוו.

דער סויכער וואָראָטילאָוו האָט דאָס מאָל קײנ וואָרט ניט געזאָגט. די קעכנ אָבער האָט זיכ ניט געקענט בארויִקנ אונ האָט אינ א וואָכ ארומ ווידער איבערגעגעבנ:

— מע דארפ זענ, אז די קינדער זאָלנ זיכ ניט אָנעמענ פונ טרעזאָרנ... ער איז אינגאנצנ קרעציק געוואָרנ.

נאָר אויכ דאָס מאָל האָט וואָראָטילאָוו צוגעשוויגנ. אינ א פּאָר טעג ארומ איז זי, די קעכנ, ארײַנגעלאָפנ שוינ אינגאנצנ א צעקאָכטע אונ האָט געמאָלדנ, אז אויב מע וועט טרעזאָרנ ניט צונעמענ פונ קיכ, וועט זי מער קײנ אײנ מינוט ניט בלײַבנ. אונ אזוי ווי די קעכנ איז געווענ א בעריע צו קאָכנ יונגע כאזײרימלעכ מיט קאשע, אונ וואָראָטילאָוו האָט דאָס דאָזיקע געריכט זײער ליב געהאט, איז טרעזאָרס גוירל געווענ גע־לײזט.

— ניט דערצו האָב איכ טרעזאָרנ געגרייט, — האָט זיכ אָנגערופנ דער סויכער וואָראָטילאָוו מיט הארצ: — נאָר, סיווײַזט אויס, אז דאָס שפּריכ־וואָרט איז גערעכט: א הונט איז באשערט א הינטישער טויט... אינ טײַכ ארײַנוואַרפנ טרעזאָרנ!

אונ אָט האָט מענ טרעזאָרנ ארויסגעפירט אפנ הויפ. די שטובלײַט אלע זײַנענ ארויס א קוק טאָנ אפ די מאטערנישנ פונעמ געטרײַענ הונט פאר־טויט; אפילע דעמ באלעבאָס קינדער האָבנ זיכ אויסגעשטעלט ווײנענ אינ די פענצטער. געווענ איז דאָ אויכ אראפקע אונ אז ער האָט דערזענ זײַנ אלטנ לערער, האָט ער פרײַנטלעכ גענומענ דרײענ מיטנ עק. טרעזאָר האָט פונ אלטקײַט קוימ געשלעפּט די פיס אונ האָט, קאָנטיק, גאָרניט פאר־

שטאנענ; נאָר ווענ ער האָט גענומענ צוקומענ צום טויער, איז ער גע־
בליבנ אָנ קויכעס אונ מע האָט אים געמוזט שלעפנ איבער דער ערד פאר
דער גריווקע.

וואָס עס איז פאָרגעקומענ דערנאָך — וועגנ דעם מאכט די געשיכטע
א שוויַג. נאָר צוריק האָט זיך שוינ טרעזאָר ניט אומגעקערט.

אונ אינגיכנ האָט אראפּקע גאָר אינגאנצנ ארויסגעיאָגט טרעזאָרס גע־
שטאלט פונעם סויכער וואָראָטילאָווס הארצנ...

א דאָרפישע סרייפע

(ווילט איר, איז דאָס אויסגעטראכט, און ווילט איר — אן עמעסע מײַסע).

אינעם דאָרף סאָפאָגיכע איז ארום האלבן טאָג אויסגעבראָכן א סרייפע. דאָס איז געווען אין יונ אין סאמע ברעג פון אקער־צײַט. אי די מאנצ־בלען, אי די ווײַבער זײַנען געווען אין פעלד. דערציילט האָט מען אזוי: געגאנגען איז פארבײַ דאָרף א זעלנער, האָט זיך צוגעזעצט אפ א פריזבע,

האָט אויסגעדרייט די ליולקע זײַנע און איז אוועקגעגאַנגען. און גלײַך נאָך זײַן אוועקגיין האָט זיך אָנגעצונדן.

דאָס דאָרף האָט אָפּגעברענט ביז שפּעט. בלויז א העלפט פון איין שורע געבײַדעס, וווּ עס האָבן זיך געפונען די טוווע־שפּײַכלערס, איז גאַנץ געבליבן. די פּויערים האָבן מיטאַמאָל אָנגעוווירן אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געהאַט, און זײַנען געבליבן אָרעמע לײַט. אין פײַער איז אומגעקומען די באָבע פּאַראַסקע און טאַטיאַנעס יינגעלע פּעטקע. דערזען דעם געדיכטן רויך, האָבן די פּויערים און די פּויערטעס גענומען לויפן ווי דולע פון פעלד, איבערלאָזנדיק די פערד מיט די אַקערס. נאָר ס'איז שוין ניט געווען וואָס צו ראַטעווען. גוט כאָטש, וואָס דאָס פֿי איז ניט געווען איינדערהיים און וואָס דאָס מיסט האָט מען נאָרוואָס אָפּ די פעלדער אַרויסגעפירט, ווען ניט דאָס, וואָלט טאַקע נאָר אויסגעקומען זיך לייגן און שטאַרבן. די קליינע קינדער, וואָס די סרייפע האָט זיי געטראָפן זיך שפּילן אָפּ דער גאַס, האָבן זיך געראַטעוועט אין טײַך און האָבן שרעקלעך געגעוועט. יונגע מיידלעך מיט פּיצלעכע קינדער אָפּ די הענט האָבן מיט שרעק אַרויסגעקוקט אַהין צו די פּאַרקוילטע הײַזער און אַנטבלויזטע סקעלעטן פון די אויוונס.

טאַטיאַנע איז געווען א יונגע און א מונטערע אַלמאָנע. מיט א יאָר זעקס צוריק איז בײַ איר דער מאַן געשטאָרבן, נאָר זי האָט די ווירטשאַפט ניט אָפּגעלאָזט. זי האָט געצאָלט דער געמיינדע פּאַר א האַלבן ערדבײַלעק, האָט אַליין געאַקערט, אַליין דאָס היי אָראָפּגענומען, אַליין דאָס ברויט געשניטן. זי האָט געהאַט אַן איין און איינציקן זון פון אַכט יאָר, פּעטקע, וואָס איז בײַ איר געווען, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, און זי האָט שוין גענומען קוקן אָפּ אים, ווי אָפּ א קינפטיקן פּויער. ער אַליין פלעג שוין קוקן אָפּ זיך, ווי אָפּ א פּויער, און זאָגן:

— כ'וועל, מאַמע, זײַן א פּויער... אַן ערדאַרבעטער.

דאָס גאַנצע דאָרף האָט אים ליב געהאַט. ער איז געווען א יינגל א שאַרפזיניקער, א מילדער, ער איז שוין געגאַן אין שול אַרײַן. ס'פלעגט זיך מאַכן, ער פלעג אין דאָרף פאַרבײַגיין פאַרבײַ עלטערע מענטשן:

— נו, וואָס, קליין פּויערל העלפסט דער מאַמעלען? — פרעגן בײַ אים די אַלטע.

— כ'העלף.

די גאס האט מענ אנגעשטעלט דערווייל מיט אלערליי פויערשע שמא-טעלייעס — בא א פויער איז אלצדינג טייער, אלצדינג קומט אימ צונוצ. איטלעכער הויז-באלעבאס האט איניינעמ מיט זיינע שטוב-מענטשנ ארומ-געבלאנקעט אפ זיינ אש אונ געשלעפט פונ דארטנ אלצ, וואס ס'איז גע-קומענ צו די אויגנ: אנ אלטע פאדעשווע, א פארזשאווערטנ טשוואק, א שטיקל שקלע, אנ אפגעבראכענע שטיק פונ אנ אקער-אייזנ אונ דעס-גלייכנ.

בא איניקע איז דער „אונטער-די-פאליצעס" גאנצ געבליבנ, נאר אזויווי עס איז געווענ א הונגער-צייט (דער טאנעס פונעמ הייליקנ פעטער), איז דארט געווענ פוסט. אונ איינער, וואס איז באקאנט געווענ פאר אנ ארעמאנ, וואס שלעפט זיכ ארומ שוינ א יאר צענ איבער די הייזער, האט זיכ אלצ געווארפנ אונ געשריגנ.

— נו, איז דאס קליינ שקאטולקעלע מיינס? ווו? ווער האט דאס צוגענו-מענ? זאגט, ווער?

די אלטיטשקע אוודאטיע איז אומגעגאנגענ הינ אונ צוריק איבער דער גאס אונ האט אלעמענ געוויזנ צוויי אפגעברענטע לאטעריי-בילעטנ. אפ-געברענט זיינענ געווענ די ברעגעס, אונ דער מיטנ מיט עטלעכע קופא-נעס איז גאנצ געבליבנ.

— מע וועט עפשער ארויסצאלנ! — האט זי מיכיי דער סטאראסטע גע-טרייסט: — אט, מע זעט אפילע די נומערנ (אפ די גאנצ געבליבענע קופא-נעס); די באלעבאסטע דיינע, די פריצטע, וועט זיכ שוינ דארטנ אינ פי-טער מישטאדל זיינ.

די אלטע לייט האבנ זיכ צונויפגענומענ אינ איינ קופע אונ האבנ בא-האנדלט דעמ אומגליק פונ דער געמיינדע. דער הארצ-ווייטעק איז גע-לעגנ בא אלעמענ אפ די פענעמער; בא איניקע זיינענ געהונגענ טרערנ פונ די אויגנ. ס'איז באשלאסנ געווארנ: אלע איניינעמ זאל מענ גיינ אינ שכיינישנ דארפ אונ בעטנ, עס זאל ארייננעמענ צו זיכ די אפגעברענטע, ביזוואנענ עס וועלנ ניט אויסגעבויט ווערנ כאטש וואסערע ניט איז צייט-ווייליקע דירעס. דערנאכ האט מענ דעמ סטאראסטע אפ א פערד רייטנ-דיק אויסגעריכט אינ שטאט, אינ דער „אופראווע" אריינ, נאכ הילפ אונ נאכ סטראכיר-געלט.

געקומענ איז דער דארפ-גאלעכ. ער איז געגאנגענ צווישנ די פיצרים, האט זיי געטרייסט.

— ווער האט דענ איך געגעבנ? — גאט! — האט ער געזאגט: — אונ צוגענומענ? — אויכ גאט! צי דענ קענ עס מעגלעכ זײַנ, אז ער זאל ניט וויסנ.

די פויערימ האבנ זיכ פאר אימ שווײַגנדיק פארנייגט.

— אונ איר פאלט ניט ארײַנ אינ קײנ ייעש! — האט דאס פאטערל ווײַטער גערעדט: — מיט וואס פארא רעכט? פאר וואס? וויאזוי? ווער האט עס איך דערלויבט? די פי איז גאנצ, די לאנדווירטשאפטלעכע מאכשירימ זײַנענ גאנצ, דאס מיסט איז ארויסגעפירט — וואס דארפ אנ ערדארבעטער נאכ? אונ איר זײַנט נאכ בארויגעז אפ גאט! אט וועט נאכ די „אופראווע" ארויסגעבנ געלט אפ אויסבויענ דירעס; די פריצטע וועט צושיקנ ברויט פאר די, וואס נייטיקנ זיכ! נו, איכ אויכ... צי דענ בעט איכ ניט גאט פאר איכ? איכ בעט ניט נאר פאר איכ אליינ גאט — איכ בעט פאר אלעמענ. „פאר די אלע קריסטנ פונעמ פראוואסלאוונעמ גלויבנ" — אט וויאזוי.

די פויערימ האבנ זיכ ווידער פארנייגט, אונ דאס בארעדעוודיק פאטערל האט ווײַטער גערעדט:

— אז איר וועט אינ אײַערע הערצער טראגנ די מוירע פאר גאט אונ איר וועט אפט באזוכנ גאטס טעמפל, וועט איר אפילע ניט באמערקנ, ווי גאט וועט איך אפגעבנ הונדערט מאל אזויפיל. אפ ברויט איז האיאר צו האפנ א גרויס געראטעניש. דאס ווינטער־קארנ איז אויסגעצייכנט. די זומער־טוועס וועלנ זיכ מיט גאטס הילפ פארבעטערנ. איר וועט נאכ צורבעטנ בא דער פריצטע אפ די לאנקעס, וועט איר אויכ האבנ היי. איר וועט ארויספירנ א וואגנ אדער צוויי פארקויפנ — וועט בא איך ווערנ אביסל געלט אינ טײַסטער; אינ א צײַט ארומ וועט איר ארויספירנ אביסל קארנ אפנ מארק — וועט ווידער ווערנ געלט אונ, ענדלעכ, אויכ האבער ארויספירנ — איז ווײַטער געלט. איבעראיאר וועט איר אליינ נ   אמערקנ, ווי אפנ ארט פונ די כאטקעס, וואס דאס אכזאריעסדיקע פײַער האט אומגעבראכט, וועלנ שײַנענדיק שטײנ נײַע הײַזער באקוועמע אונ גערוימע. אונ איר אלע וועט דארטנ וווינענ אינ זיי אונ איר וועט דאנקענ גאט פאר דעמ גענאד, וואס ער האט מיט איך געטאנ. אט וועט איר זענ.

אונ די פויערטע סאטיאנע האט הילפלאז ארומגעשפאנט איבערנ אש, די טליענדיקע העלצער צונויפגעשארט אונ געשריענ:

— פעטי, א, פעטי, ווו ביסטו, טײַערער? ענטפער אפ!

און זי האָט ניט געהערט, ווי דער אייוועררבאָטלדיקער אַלטער קאַליס־טראָס האָט גערעדט צו איר:

— זע נאָר, צי איז ער ניט אַנטלאָפן אין וואַלד אַרײַן? איך האָב אים אַנומלטנ געזען. געזעסן בין איך אויף די טרעפּלעך לעבן טוויע־שפּײַכלער פּונקט דרעמלט, ווען די שטוב אײַערע האָט זיך אָנגעצונדן. איך טו א קוק: פּעטקע דרייט זיך איבערן צימער דאָרט, און דאָס העמדל זײַנס האָט זיך פאַנאַנדערגעבלאָזן. שרײַ איך צו אים: גיב א שטופּ, טײַערינקער, די טיר, גיב א שטופּ! נאָר ער האָט זיך נאָך געדרייט און געדרייט, און דערנאָך האָט מען שוין ניט געזען גאָרניט. געוויס איז ער אין וואַלד אַרײַן אַוועקגעלאָפן פאַר שרעק.

סאַטיאַנע אָבער האָט גאָרניט ניט געפילט, אויסער איינס: אַז דאָס האַרץ ווערט איר צעריסן אויף שטיקער.

— פּעטי, א, פּעטי! וווּ ביסטו, טײַערער? ענטפער אויף! — האָט זיך צווישן דער ריידערײַ פון די דאָרפסלײַט געלאָזט הערן איר יאָמער.

ענדלעך, האָבן א פּאָר מענטשן ראַכמאָנעס געקריגן און זײַנען געקומען איר צו הילף. זיי האָבן פאַנאַנדערגענומען די אײַנגעפאַלענע סטעליע און האָבן אונטער אירע טליִענדיקע שטיקער געפונען דעם טויטן קערפּער פון דעם יִנגל. די זײַט פונעם קערפּער און פונעם פּאָנעם, וואָס איז געלעגן אויף אַרויף, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א העסלעכע שוואַרצע מאַסע; בלויז יענע זײַט, וואָס איז געלעגן צום דיל צו, איז געבליבן ניט געריר׳ט.

סאַטיאַנע האָט זיך א וואַקל געטאָן. ס׳איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן און פון דער ברוסט בײַ איר האָט זיך אַרויסגעריסן א שוידערלעכער ווײ־געשריי איבערן גאַנצן דאָרף:

— גאָט, דו זעסט צי ניין?

דעם האָזיקן ווײ־געשריי האָט אויך דערהערט דאָס פּאַטערל, און האָט זיך געאײַלט, פאַרשטייט זיך, צוקומען מיט טרייסט־ווערטער.

— דו קלאָגסט זיך אויף גאָט? — האָט ער מיט א העפלעכן פאָרוואורף געזאָגט: — נו, און פון איִעוון געדענקסטו? ניין? איז אָט וועל איך דיר דערמאָנען! ער איז געווען רײַך און באַרימט, האָט געהאַט קינדער, טשערעדעס און אויצרעס גאָלד — און מיטאַמאָל איז בײַ אים, לויט גאָטס פאַרלאַנג, אַלץ צוגענומען געוואָרן: אי די קינדער, אי דאָס פי, אי די פרײַנט, און אַליין איז ער קרעציק געוואָרן און, פאַרטריבן פון שטאָט,

איז ער געלעגנ אפ א קופע מיסט בא די טויערנ פונ שטאָט. הינט האָבנ געלעקט זײַנע וווּנדנ... הינט! נאָר בא דעמ אלעמענ, איז ניט נאָר ער האָט ניט געטראָגנ קיינ האס אפ גאָט, נאָר ער האָט נאָכ שטארקער ליב גע־קריגנ גאָט, זײַנ באשעפער. אונ גאָט, זעענדיק די דאָזיקע איבערגעגעבנ־קײַט זײַנע, האָט זיכ אפ אימ אומגעקוקט. אינ א קורצער צײַט ארומ איז איִעוו געוואָרנ נאָכ געזינטער, נאָכ רײַכער אונ נאָכ בארימטער איידער פריִער. די טשערעדעס האָבנ זיכ געמערט, קינדער איז בא אימ געבאָרנ געוואָרנ גענוג, מיט איינ וואָרט, אלצדינג...

אָבער אויכ דעמ גאלעכס אײַנריידעניש איז צו טאטיאנענ דערגאנגענ נאָר אינ דער פאָרמ פונ אנ אומקלאָרנ נימעסנ ראַש. זי האָט געווענדט די אויגנ צו דער ליניע, וואָס טיילט אָפ דעמ גאנצ געבליבענעמ טייל פונ פעטקעס פאָנעמ פונ יענעמ, פונ דעמ אָפגעבערענעמ טייל אונ האָט שטיל געמורמלט.

— גאָט! דו זעסט צי נייִנ?

אינ דער דאָזיקער צײַט האָט אײנעמ פריצישנ הויפ די גוטע פריצטע אנא אנדרײיעוונא קאָפּיישטשיקאָווא געפײַערט איר געבורטס־טאָג. ס'האָבנ זיכ צונויפגעקליבנ געציילטע, נאָר עמעסע פרײַנט: דער אדל־מארשאל קיפיאשטשעוו מיט דער פרוי, דער איספראווניק שיפיאשטשעוו מיט דער פלימעניצע אונ אויכ איוואנ איוואנאָוויטש גלאז, א מענטש א פארטיקו־ליארער [1]), וועגנ וועלכנ מע רעדט, אז פאר אימ דארפ מענ זיכ היטנ מיט א וואָרט. נאָר אזוי ווי דאָ זײַנענ אלע געווענ מענטשנ, וואָס פאר זיי דארפ מענ היטנ די צונג (אנא אנדרײיעוונא אלײנ האָט געזאָגט, אז זי „דינט" ערגעצ), האָט זיכ איוואנ איוואנאָוויטש אינ דער דאָזיקער קאָמ־פאניע געפילט זייער באקוועמ. דאָ זײַנענ אויכ געווענ דער גאלעכ מיט דער גאלעכטע.

אנא אנדרײיעוונא איז געווענ א גענעראלישע אלמאָנע, א פרוי פונ א יאָר פֿופֿציק אונ פערציק, נאָכ א גאנצ שיינע. גערעדט האָט זי, ווי אלע רוסישע דאמענ, אפ פראנצויזיש. א לאנגע צײַט האָט זי געלעבט אינ אויס־לאנד. די לעצטע צײַט נאָר איז זי געוואָרנ פאטריאָטיש אונ האָט ליב גע־קריגנ „דאָס גוטע רוסישע פאָלק". פארדרײַיאָרנ איז זי אראָפּגעקומענ צו זיכ אינ האָרבילי, אונ פונ דעמלט אָנ פאָרט זי אהינצו יעדנ זומער.

[1]) א פארטיקוליארער מענטש — אזא וואָס פארנעמט ניט קיינ מעלוכע־שטעלע.

זי האָט דעם פאַרשטאָרבענעם מאַן אוועקגעשטעלט אַ מאַוזאָליי אין סאָד [illegible] האָט געבעטן גאָט אַלע טאָג. זי האָט מיט קיינעם קיין באַקאַנטשאַפט ניט געהאַט, בלויז מיט די אויסגעפּרוּווטע „אָנהענגער פון אָרדענונג", זי האָט קיין ווירטשאַפט ניט געפירט, נאָר אָפּגעגעבן די ערד די פּויערים „אַף דער האַלב" און האָט, ווי עס ווײַזט אויס, געפּראַוועט עקאָנאָמיע. געהאַט האָט זי אַ זון פון אַ יאָר זעכצן, סערי'אָזשע, אַ יוריסט, און אַן אַכצניאָריקע טאָכטער — ווערעטשקע.

די פּריצטע מיט די געסט האָבן זיך אומגעקערט פון קלויסטער און זײַנען געזעסן און געגעסן פרישטיק, ווען מע איז געקומען צו לויפן זאָגן, אַז סאָפּאָניכע ברענט. דאָס פּאָטערל איז די רעגע אַהין אַוועק מוסער זאָגן; די איבעריקע זײַנען צוגעלאָפן צו די פענצטער און האָבן געקוקט. איבער דעם מוירעדיקן רויך־וואָלקן האָט מען קיין פלאַם ניט אַרויסגעזען, נאָר דער רויך איז גלײַך מיטן ווינט געפלויגן אין פּריצישן הויף אַרײַן, און אין די צימערן האָט זיך געפילט זײַן ביטערער רייעך. מע האָט אויך די מענטשן דאָרט ניט אַרויסגעזען, איבערן וועג אָבער זײַנען מענגעס שכײניש פּויערים און הויף־דינער געלאָפן צו דער סריפע.

— ווי איר ווילט אײַך, מײַנע הערן, — האָט זיך ענדלעך אַנאַ אַנדרייעוונאַ אָנגערופן: — נאָר איך קאָן קיין גלײַכגילטיקע צושויערן ניט בלײַבן. דאָס זײַנען דאָך — מײַנע פּויערים. שלעכטע מענטשן האָבן מיך מיט זיי צעשיידט, ניט אַף לאַנג, פאַרהאָפּ איך — נאָר איך געדענק פונדעסטוועגן, אַז זיי זײַנען מײַנע.

אָבער דעם דאָזיקן העלדנטאַט האָט מען איר ניט געלאָזן זי זאָל אויפטאָן איינע אַליין — די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט אַרויסגעזאָגט דעם ווילן מיטגיין מיט איר.

— און בכלל איז עס אונדזער כויוו, — האָט פאָרגעזעצט אַנאַ אַנדרייעוונאַ: — ווען דאָס זאָלן אַפילו ניט זײַן מײַנע פּויערים, איז אויך אונדזער הייליקער כויוו צו זײַן דאָרט, וווּ מענטשן לײַדן. מע האָט אונדז אָרעם געמאַכט, מע האָט אונדז געקריוודעט... נאָר מיר האָבן עס אַלץ פאַרגעסן. מיר געדענקען נאָר, אַז אונדזער קלענערער ברודער, וואָס לײַדט, שטרעקט אויס צו אונדז די הענט!

דערוויסנדיק זיך, אַז מע האָט דעם טאָג געבאַקט ברויט פאַר די אַרבעטער און פאַר די הויף־מעשאָרסים, האָט זי געהייסן עטלעכע ברויט צעשנײַדן אַף ריפטלעך און אוועקטראָגן צו די אָפּגעברענטע פּויערים.

— מארגנ וועט איר ווידער אפּבאקנ בּרויט פאר די אײַעריקע... נו, מע דארף! איר פארגעסט נאר ניט ארײַנצוטאנ זאלצ!

מיט אײנ װאָרט, אלצ, װאָס זי האָט געקענט, האָט זי געטאָנ אונ, ענדלעכ, האָט זי דאָס טײַסטערל מיטגענומענ, זאָגנדיק: „דאָס איז — טאָמער מאכטזיכ מע דארף!“ אויכ װערעטשקע האָט, נאָכטוענדיק דער מוטער, מיטגענומענ איר טײַסטערל מיט די אָפּגעהיטע שײַנענדיקע מאטבּײעס.

בּאמ ארײַנגאנג אינ דאָרף האָט זיכ די קאָמפּאניע אָפּגעשטעלט, נאָר װערעטשקע אונ די מאמזעל שיפּיאשטשעװע האָבנ זיכ ניט אײַנגעהאלטנ אונ זײַנענ אוועק אינ דער טיפ גאס.

— זאָגט די פּויערימלעכ, אז איכ שענק פונ זײערטוועגנ צװײ טשעטװערטעס קאָרנ! — האָט זײ נאָכגעשריגנ אנא אנדרײעװנא.

אינ א מינוט פינפ ארומ איז װערעטשקע געקומענ צו לויפנ צוריק אײנגאנצנ א פארװײנטע.

— אכ, מאמעניו! — האָט זי דערצײלט: — דאָרט איז א פרוי דאָ אנ אָרעמע, איז בּא איר א ייִנגל פארבּרענט געװאָרנ — א זונ! אכ, װי שרעקלעכ!.. װאָס מיט איר טוט זיכ דאָרטנ! דער פאָטערל שטראָפט זי, אונ זי הערט ניט, זי האלט נאָר אינ אײנ טײַנעמ: „גאָט, דו זעסט צי נײנ?“ מאַמעניו! דאָס איז שרעקלעכ, שרעקלעכ, שרעקלעכ!

— א ראכמאָנעס נעבּעכ; ס׳ארא נערװעזע אָבּער דו בּיסט, װערע! — האָט איר פאָרגעװאָרפנ אנא אנדרײעװנא. — אזוי טויג ניט, מײַנ פרײַנט! אומעטומ איז פאראנ גאָטס האשגאָכע. — דאָס דארפ מענ פריִער פונ אלצ געדענקענ! פארשטײט זיכ... ס׳איז א גרויסער פארלוסט; נאָר ס׳טרעפנ פארלוסטנ פיל גרעסערע, אונ דאָכ גיבּנ מיר זיכ אונטער אונ דולדנ! געדענקסט, בּײַמאקאָװס בּאנקראָט אונ אונדזער געלט דאָרט... 6% געגעבּנ... נו, איז װאָס! צוריק גערעדט, מיט קײנ װערטער אלײנ קענ מענ ניט זאָט זײַנ, מײַנע הערנ! — האָט זי זיכ געװענדעט צו די ארומיקע: — לאָמיר מאכנ א קלײנינקע קאָלעקטע [1]) לעטויװעס דער לײַדנדיקער מוטער נעבּעכ! װער װיפל עס קענ!

זי האָט מיט א ציטערנדיקער האנט פונעמ טײַסטערל ארויסגענומענ א צענרובּלדיקע אסיגנאציע, זי האָט אװעקגעלײגט אפ דער דאָלאָניע אונ אויסגעשטרעקט די האנט. װערעטשקע האָט גלײַכ אװעקגעלײגט איר גאנצ

---

[1]) א קאָלעקטע — א געלט־זאמלונג צװישנ א קאָלעקטיװ, א „סקלאדטשינע“.

שײַסטערל. די געסט האָבן אויך אַרויסגענומען עטלעכע דריבנע אַסיגנאַציעס. נאָר איוואַן איוואַנאָוויטש גלאַז האָט זיך אָפּגעקערעוועט אָן אַ זײַט און זיך אונטערגעפּײַפט. ס׳האָט זיך צונויפגעקליבן בײַ דרײַסיק רובל.

— נו אָט, נעם און טראָג איר אַוועק! — האָט אַנאַ אַנדרייעוונאַ געזאָגט צו דער טאָכטער, — זאָג איר דאָרט, אַז ס׳איז נאָך פאַראַן אויף דער וועלט גוטע מענטשן. דערמאָן זיי, די פריערים נאָכאַמאָל וועגן דעם קאָרן... צווײ טשעטווערטעס! און דעם ברויט האָט מען זיי געבראַכט? הײס, מע זאָל צעטײלן! דאָס איז צו שטילן דעם ערשטן הונגער.

ווערעטשקאַ איז גיך אַוועקגעלאָפן. איר האָט זיך אין דער מינוט אויסגעדאַכט, אַז זי איז אַ גוטער מלאך, זי פאָכעט מיט זילבערנע פליגל אין דער לויטערקײַט פונעם הימל, און מיט דרײַסיק רובל אין די הענט. זי האָט געטראָפן טאַטיאַנען אין דעם אייגענעם צושטאַנד וואָס פריער. יענע איז געשטאַנען מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און האָט אויטאָמאַטיש געמאַכט מיט די ליפּן, ניט וויסנדיק, ווו זי איז אין דער וועלט. דאָס פּאַטערל איז ווי פריער געשטאַנען לעבן איר און דערציילט אַ בײַשפּיל פון דער געשיכטע פון די ערשטע הייליקע מאַרטירער אין דער צײַט פון אַבנאָריעסדיקן ניראָן־קייסער. פאַר טאַטיאַנען האָט זיך נאָך ניט געשטעלט די פראַגע: וואָס וועט מיט איר זײַן? צי דאַרף זי האָבן אַ שטוב, אַ פעלד און בכלל דאָס אַלץ, וואָס האָט ביז אַהער אָנגעפילט איר לעבן, צי איר וועט אויסקומען אומוואַנדלען איבער דער וועלט, ווי אַ באַטראַטשקע?

און פּלוצעם — אַ גוטער מלאך.

— נאַ דיר, טײַערע, די מאַמעניו האָט געשיקט! — האָט ווערעטשקע געזאָגט, אויסשטרעקנדיק דאָס געלט.

טאַטיאַנע האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. זי האָט אפילו אויף דער נעדאָווע ניט אַ קוק געטאָן.

— נעם, אַזעסניצע! — האָט דאָס פּאַטערל געמורמלט: — גוטע פריצים האָבן אויף דיר רחמנות און דו שאַצסט עס גאָר ניט!

אפילו די פריערימלעך האָבן זיך דערמיט פאַרינטערעסירט און האָבן גענומען אײַנריידן.

— נעם, טאַטיאַנע, נעם, אַז מע גיט! ס׳וועט צונוץ קומען אויף אַ שטוב, נעם!

טאַטיאַנע האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן.

ווערעטשקע איז געשטאַנען אַביסל, דאָס געלט אַפּ דער ערד אוועקגע־לייגט און אוועקגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטע. דאָס פּאָטערל ד[illegible]ט דאָס געלט אופגעהויבן.

— נו, אויב דו ווילסט ניט נעמען, — האָט ער געזאָגט: — וועל איך דאָס צונעמען לעטויוועס דעם קלויסטער. אָט איז בא אונדז די פּאַניקאַדילע אינגאַנצן שוין אַן אָפּגעפּאָרענע, איז וועלן מיר די אַלטע פּאַרי[illegible]ן אַפּ ברוכוואַרג, און אינײנעם מיט אָט דעם געלט אײַנשאַפן אַ נײַע [illegible] איי־דעס, פּראַוואָסלאַוונע מענטשן!

— מאַמעניו, זי האָט ניט גענומען! — האָט ווערעטשקע געזאָגט און טרערן זײַנען איר געשטאַנען אין האַלדז.

מע האָט זיך געכידעשט.

— אָט דאָס רײיעכל, דאָס פּאַסקודנע, עס איז נאָך פונדעסטוועגן אין זיי פאַראַן! נאָך ניט אַרויסגעטריבן! — האָט סוידעספּול אַ זאָג געטאָן גלאַז.



ד ע ר ר י ז

אינ אײנעמ א קעניגרײַכ איז א ריז געבוירנ געוואָרנ. די באבע־יאגע האָט אימ געבוירנ, מיט איר ברוסט האָט זי אימ געזויגנ, אויסגעהאָדעוועט, אויסגעכאָוועט, אונ אז ער איז אויסגעוואקסנ מער ווי א ווערסט די הײכ, איז זי אוועק אינ מידבער ארײַנ זיכ אויסרוענ אונ אימ האָט זי אפ אלע פיר זײַטנ פונ דער וועלט אָפגעלאָזט: גײ, ריז, טו אופ אפ דער וועלט העלדישע זאכנ.

פריִער פונ אלצ האָט זיכ דער ריז, פארשטייט זיכ, אוועקגעלאָזט אינ וואלד ארײַנ; דערזעט ער א דעמב אײנער שטייט — האָט ער אימ מיטנ וואָרצל אויסגעריסנ; דערזעט ער א צווייטער דעמב שטייט — האָט ער אימ מיטנ פויסט אפ צווייענ צעשפּאָלטנ; דערזעט ער, א דריטער דעמב שטייט און אינ אימ איז א הייל פאראנ, — איז ער ארײַנגעקראָכנ, דער ריז, אינ הייל און איז אנשלאָפנ געוואָרנ.

דער גאנצער וואלד דער דעמבענער האָט קרעכצנ גענומענ פונ זײַנ הילכיקנ כראָפּענ, די ווילדע כײַעס זײַנענ זיכ פונ וואלד צעלאָפנ, די פייגל זײַנענ אוועקגעפלויגנ; גופע דער שעד פונ וואלד האָט זיכ אזוי דערשראָקנ, אז ער האָט א כאַפּ געטאָנ די שעדיכע מיט די שיידימלעכ אונטערנ אָרעמ — און איז ניט געוואָרנ.

און דער שעמ וועגנ דעמ ריז האָט זיכ פארשפּרייט איבער דער גאנצער ערד. סײַ אייגענע, סײַ פרעמדע, סײַ פרײַנט, סײַ סאָנימ, האָבנ זיכ ניט געקענט אָנוווּנדערנ פונ אימ: די אייגענע האָבנ ביכלאל מוירע, ווײַל אָנ מוירע וואָס איז עס טאקע פאר א לעבנ אפ דער וועלט? און א כוצ דעמ איז נאָכ פאראנ א האָפענונג: אוואדע האָט זיכ דער ריז אינ הייל אוועקגעלייגט, קעדיי זיכ אָנעמענ אינ שלאָפ מיט נאָכ מער קויכעס: „אָט־אָט וועט ער זיכ שוינ אופכאפּנ, אונדזער ריז, און וועט אונדז באַרימט מאכנ פאר דער גאנצער וועלט“. די פרעמדע, פונ זייער זײַט ווידער, האָבנ מוירע: דו הערסט, ס'ארא קרעכצערײַ עס האָט זיכ גענומענ טראָגנ איבער דער ערד — ניט אנדערש, אז אינ „דאָזיקנ“ לאנד איז א ריז געבוירנ געוואָרנ! ער זאָל אונדז כאָטש קיינ כיילעק ניט פארגעבנ, אז ער וועט זיכ אופכאפּנ!

און אלע ארומ גייענ אפ די שפּיצ פינגער און כאזערנ שטיל: שלאָף, ריז, שלאָף!

און אָט איז דורכגעגאנגענ אזוי הונדערט יאָר, דערנאָכ צוויי הונדערט, דרײַ הונדערט און מיטאמאָל גאנצע טויזנט יאָר. א טשערעפּאכע איז געפאָרנ־געפאָרנ און, ענדלעכ, געקומענ צופאָרנ. א בלויערל האָט זיכ באַרימט־באַרימט, און האָט טאקע אפ דערעמעסנ דעמ יאמ ניט אונטערגעצונדנ. דעמ פויער האָט מענ געקאָכט־געקאָכט, ביז מע האָט אינ אימ ווו ער האָט נאָר געהאט א זאפט אויסגעקאָכט: אאו, פויערל, ווו ביסטו!

מע האָט אלצ, ווי עס דארפ צו זײַנ, צוגעריכט, אלצ ארויסגעענדיקט, באנומענ איינס דאָס אנדערע פונ קאָפּ ביז די פיס — אנ עק! און דער

ריז שלאָפט אלץ, קוקט אַלץ מיט ניט־זעענדיקע אויגן פון דער הייל גלייך אפ דער זון, און זײַנע הילכיק כראָפּען צעטראָגט זיך אין דער אומגעגנט הונדערט מײַל די ווײַט.

א לאנגע צײַט האָבן זיי געקוקט, די סאָנים, א לאנגע צײַט געטראכט: ווײַזט אויס, זייער א מעכטיקס איז דאָס דאָזיקע לאנד, ווו מע שרעקט זיך פאר א ריז בלויז דערפאר, וואָס ער שלאָפט אין הייל!

דאָך האָט מען ביסלעכווײַז אָנגעהויבן די זאך צו באטראכטן; מע האָט זיך גענומען דערמאנען, וויפל ביטערע אומגליקן עס זײַנען אָנגעשיקט געוואָרן אפ דעם דאָזיקן לאנד, און דער ריז איז קיין איין מאָל ניט גע־קומען די מענטשלעך צו הילף.

אין איינעם א יאָר האָבן זיך די מענטשלעך, ווי כײַעס, צווישן זיך אליין צעשלאָגן און האָבן אומזיסט און אומנישט אומגעבראכט א מענגע מענטשן. די אַלטע לײַט האָבן דעמלט ביטער געוויינט און זיך געבעטן: קום, ריז, מיש זיך ארײַן און מאך א סאָף צו אָט דער ווילדער צײַט! — און ער איז גאָר, אָנשטאָט דעם, אין הייל אָפּגעשלאָפן. אין איינעם א יאָר זײַנען אלע פעלדער אויסגעברענט געוואָרן פון דער זון, און דער האָגל האָט זיי צעקלאפט: מע האָט געמיינט, דער ריז וועט קומען און וועט דער איידע מענטשן עסן געבן, און ער איז גאָר, אָנשטאָט דעם, אין הייל אָפּגעזעסן. אין איינעם א יאָר זײַנען די שטעט און די דאָרף־ישוווים מיטן פײַער אוועק, און די מענטשלעך האָבן ניט געהאט קיין דאך איבערן קאָפּ, ניט קיין קליידער, ניט קיין עסנווארג; האָט מען געמיינט: אָט וועט דער ריז קומען און וועט פון די מענטשן די נויט אוועקנעמען — ערשט ער איז אויך דאָס מאָל אין הייל אָפּגעשלאָפן.

קורץ, פאר די טויזנט יאָר האָט דאָס דאָזיקע לאנד מיט אלע ווייטעקן איבערגעווייטעקט, — און דער ריז — ער זאָל דאָס אפילו א קערעווע טאָג דעם אויער אָדער דאָס אויג צו געווירע חערן, פארוואָס האלט עס ארום און ארום די וועלט אין איין קרעכצן.

וואָס־זשע איז עס פאר א ריז אזא?

געווען איז דאָס דאָזיקע לאנד אזא, וואָס האָט זיך אסאך אָנגעליטן, אזא, וואָס האָט אסאך געדולד און האָט א גרויסן, אומטהעדלעכן גלויבן. עס האָט געוויינט און געגלויבט, געדיכט — און געגלויבט, עס האָט גע־גלויבט, אז ווען דער קוואל פון טרערן אין זיפצן וועט בא אים אויסגע־טריקנט ווערן, וועט דער ריז אויסגעפינען די פאסיקע מינוט און וועט

עס אויסלייזן. און אָט איז די מינוט אָנגעקומען. נאָר ניט די, אפ וועלכער דער געוויינלעכער אוילעם האָט געווארט. סאָנים זייַנען געקומען און האָבן באלאגערט דאָס לאנד, בא וועלכן דער ריז איז אין הייל געשלאָפן, און האָבן זיך גלייַך אלע א לאָז געטאָן אפן ריז. לעכאטכילע איז איינער פאָרזיכטיק צו דער הייל צוגעגאַנגען — סע שטינקט; א צווייטער איז צוגעגאנגען — יאָ, סע שטינקט. „דער ריז איז דאָך א צעפוילטער!“ האָבן די סאָנים א זאָג געטאָן און האָבן זיך א לאָז געטאָן אפן לאנד.

די פייַנט זייַנען געוועזן אכזאָריִעסדיק — מיט גאָרניט זיי ניט אייַנצונעמען. זיי האָבן צעבּרענט, צעהאקט אלץ, וואָס זיי האָבן אפן וועג געטראָפן, אלס נעקאָמע פאר דער לעכערלעכער שרעק, וואָס דער ריז האָט דוירעסלאנג אפ זיי אָנגעווייעט. דערזעענדיק, אז די צייַט איז אזא וויסטע, האָבן די מענטשלעך זיך גענומען ווארפן אהין־אהער, געוואָלט ארויסטרעטן קעגן סוינע — ערשט זיי גיבן א קוק, ס'איז ניטאָ מיט וואָס.

און דאָ האָבן זיי זיך דערמאנט אינעם ריז, און האָבן אלע אין איין קאָל אָנגעהויבן צו יאָמערן: „אייַל זיך צו, ריז, אייַל זיך!“

און דעמלט איז א נעס געשען: דער ריז האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן. פּונקט ווי צוריק מיט טויזנט יאָר האָט דער אומבאוועגלעכער קאָפּ זייַנער מיט די ניט־זעענדיקע אויגן געקוקט אפ דער זון, נאָר יענץ מעכטיקע כראָפּען, פון וועלכן עס פלעג אמאָל דער גאנצער וואלד ציטערן, איז שוין ניט געוועזן.

און דעמלט איז צוגעגאנגען צום ריז איוואנושקע דער נאר, מיט א זעץ פונעם פויסט האָט ער צעבּראָכן די הייל און דערזען — שלאנגען האָבן באם ריז דאָס גאנצע לייַב צעפרעסן ביזן סאמע האלדז.

שלאָף, ריז, שלאָף!

אינהאלט

1. פערדוליע 5
2. א מייַסע, וויאַזוי איינ פויער האָט צוויי גענעראַלנ געהאָדעוועט . . . 11
3. דער ראָב, וואָס האָט געזוכט יוישער אונ גענאָד. 21
4. דער קאָרעס, דער אידעאַליסט 34
5. דער האָז מיטנ קלאָרנ פארשטאנד 49
6. דער פיסקאר דער גרויסער כאָכעמ 60
7. דער געטרייַער טרעזאָר 69
8. א דאָרפישע סרייפע 78
9. דער ריז 88